STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05997

# BAYM EYTS HA-DAAS

Hirsh Osherowitch

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הירש אָשעראָוויטש

# בײַם עץ־הדעת

הירש אָשעראָוויטש

# בײַם עץ־הדעת

## לידער

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"
הילפספאָנד פאַר ייִדיש־שאַפונג
תל־אָביב, תשמ"א — 1981

**HIRSH OSHEROWITCH / BAYM EYTZ-HADAAS**

Poems

Publishing-House Israel-Book, Tel-Aviv, P.O.B. 1777

**הירש אָשעראָוויטש / בײַם עץ-הדעת**

ל י ד ע ר

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך“, תּל־אָבֿיבֿ, רח׳ איתמר בן־אבֿ״י 4

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון

יידישן ליטעראַטן- און זשורנאַליסטן-פאַראיין אין ישׂראל

קרן תּל-אָבֿיבֿ לספרות ולאמנות

אליעזר פּינעס-פאָנד פאַר קולטור און ליטעראַטור

הילפספאָנד פאַר יידיש-שאַפונג פון קרן „ישׂראל-בוך“

©

כל הזכויות שמורות

Hirsh Osherowitch, 13 Byron str., 63 411 Tel Aviv, Israel

**Printed in Israel 1981 נדפס בישׂראל**

דפוס „אורלי“ פרידמן, רח׳ עקיבא איגר 8, טל. 332062



אין דאָזיקן בוך זײַנען, חוץ לעצטנס געשריבענע לידער, אַרײַן אויך פריִערדיקע, דהײַנו: לידער, וואָס זײַנען געבליבן מחוץ פון בוכטאָוולען, ווי אויך אַזעלכע, וואָס זײַנען בשעתּם אָפּגעדרוקט געוואָרן פאַרגרײַזט, און דער מחבר געפינט פאַר נייטיק צו ברענ־גען זיי אין זייער ריכטיקער פאָרעם.

דאָס דאָזיקע בוך איז אַ זאַמלונג פון כמעט דורכויס קורצע לידער.

# וועגן מחבר

**הירש אָשעראָוויטש** איז געבוירן דעם 25סטן יוני 1908 אין פּאָנעוועזש (ליטע) בײַ זײַן פֿאָטער שלום, אַ שיפֿקאַנטאָר־אָנגעשטעלטן, און מוטער לאה (געבוירענע קאָרב). אין יאָר 1928, פֿאַרענדיקט די פּאָנעוועזשער העברעיִשע גימנאַזיע, קומט אָשעראָוויטש אָן אין קאָוונער אוניווערסיטעט לערנען יוריספּרודענץ. אין יאָר 1933 פֿאַרענדיקט ער דעם יורידישן פֿאַקולטעט. פֿון יאָר 1934 ביזן אויסבראָך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַרבעט ער אין פֿאַרשיידענע צײַטונגען (די לענגסטע צײַט אין קאָוונער „די אידישע שטימע"). שוין דעם 22סטן יוני 1941 פֿאַרלאָזט ער קאָוונע, וואָגלט איבער פֿאַרשיידענע שטעט פֿונעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד (סאַראַטאָוו, נאָוואָסיבירסק, מאָסקווע און אַלמאַ־אַטאַ. אין דער לעצטער געפֿינט ער זיך כּמעט די גאַנצע צײַט פֿון דער מלחמה). סוף יאָר 1944 קערט ער זיך צוריק קיין ליטע און באַזעצט זיך אין ווילנע. דעם 2טן יולי 1949 ווערט ער אַרעסטירט און „פֿאַרמישפּט" אויף 10 יאָר פֿאַר „אַנטיסאָוועטישער, נאַציאָנאַליסטיש־ציוניסטישער טעטיקייט". נאָך 7 יאָר פֿאַרשפּאַרט זײַן אין פֿאַרשיידענע צוואַנגלאַגערן ווערט ער (אין יוני 1956) באַפֿרײַט. ער קערט זיך צוריק קיין ווילנע, וווּ ער פֿאַרנעמט זיך אויסשליסלעך מיט ליטעראַרישער שעפֿערישער אַרבעט ביז צום סאַמע טאָג פֿון זײַן עולה זײַן.

אָשעראָוויטש האָט אָנגעהויבן שרײַבן יונג, אָבער פּובליקירן זײַנע לידער אין דער פּעריאָדיק און אין אַלמאַנאַכן — ערשט אין יאָר 1934. אין יוני 1941 איז אין ווילנע אָפּגעדרוקט געוואָרן זײַן זאַמלונג לידער „באַגינען". די אויפֿלאַגע פֿון דאָזיקן בוך איז אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון די נאַציס. אין יאָר 1947 איז אין מאָסקווע דערשינען זײַן בוך פּאָעמעס און באַלאַדעס „פֿון קלעם אַרויס". אין 1962 — דאָס בוך לידער און פּאָעמעס אין דער רוסישער איבערזעצונג „מײַן גוטער קליאָן"; אין יאָר 1964 איז אין ווילנע דערשינען זײַן בוך לידער און פּאָעמעס איבערגעזעצט אין ליטוויש „דער האָניק פֿון דערקענטעניש". אין יאָר 1968 אין ווילנע — דאָס בוך לידער און פּאָעמעס „די הייליקע טאָג־טעגלעכקייט" און אין יאָר 1969 אין מאָסקווע — דאָס בוך לידער און פּאָעמעס „זונענגאַנג". דעם 18טן נאָוועמבער 1971 איז הירש אָשעראָוויטש מיט זײַן פֿרוי רבקה (געבוירענע שמוקלער) עולה קיין ישׂראל. אין יאָר 1972 באַקומט ער די יעקב פֿיכמאַן־פּרעמיע פֿאַר ייִדישער ליטעראַטור, אין יאָר 1973 באַקומט ער די פּרעמיע פֿון פֿאַראיין פֿון ייִדישע שרײַבערס אין ישׂראל. אין זעלבן יאָר דערשײַנט אין י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג זײַן בוך לידער און פּאָעמעס „צווישן בליץ און דונער". פֿאַרן דאָזיקן בוך ווערט אים אין ניו־יאָרק צוגעטיילט די יעקב גלאַטשטיין־

פּרעמיע. אין יאָר 1974 דערשײַנט אין תּל־אָביב אָשעראָוויטשעס פּאָעמע „מײַן פּאָנעוועזש“ (אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט אַברהם שלאָנסקיס געמאַכטער איבער־זעצונג אין עברית — „פּוניבז' שלי“). אין יאָר 1975 דערשײַנט אין פֿאַרלאַג „המנורה“ זײַן בוך לידער און פּאָעמעס „אין דער וועלט פֿון עקדות“, וואָס ווערט פּרעמירט אין פּאַריז מיט דער זכריה גאַנאַפּאָלסקי־פּרעמיע. אין זעלבן יאָר ווערט אין פֿאַרלאַג „הקיבוץ המאוחד“ אַרויסגעגעבן דורכן העברעיִשן שרײַבערס־פֿאַראיין אָשעראָוויטשעס זאַמלונג לידער איבערגעזעצט אין העברעיִש „אוחז הליל סכּין כּחולה“ („עס האַלט די נאַכט אַ בלויען מעסער“). אין יאָר 1977 דערשײַנט אין פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך“ זײַן בוך לידער און פּאָעמעס „געזאַנג אין לאַבירינט“, וואָס ווערט פֿון דעם ייִדישן צענטראַל־קאָמיטעט אין מעקסיקע פּרע־מירט מיט דער פֿערנאַנדאָ כענאָ־פּרעמיע. אין יאָר 1977 באַקומט הירש אָשעראָ־וויטש די מאַנגער־פּרעמיע. אין יאָר 1979 דערשײַנט אין פֿאַרלאַג „רשפֿים“ זײַן בוך „תּנך־פּאָעמעס“ און אין פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך“ — זײַן בוך לידער און פּאָעמעס „בלויע בומעראַנגען“. אין יאָר 1981 ווערט אין פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך“ אַרויסגעגעבן הירש אָשעראָוויטשעס בוך לידער „בײַם עץ־הדעת“.

**פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך“**

תּל־אָביב, 1981

## אונדזער צײַט

פונקט ווי ס'פּאָרן זיך אין ליד
די שורות די געגראַמטע,
קומען אויף אויף אונדזער צונג איצט
ווערטער טרייסטנדיקע מיט פּאַרסמטע.
עפּעס איז אַצינד אַ צײַט
פאַר אויסטערלישע זאַלבענאַנדן —
ס'גייען אום, ווי צווילינג־ברידער,
פײַנדלעכסטע ווידעראַנאַנדן.

# אַנטפּלעק מיר, גאָט!

## איך האָב קיין ברודער ניט...

איך האָב קיין ברודער ניט.
ווי גוט איז אים:
ער דאַרף ניט זײַן קיין ייִד
אין אונדזער תּקופה —

ניט זײַן געמאָרדעוועט פון פײַנד,
ניט זײַן פאַרראַטן פון די פרײַנד,
און ניט פאַרדעקן פרעמדע זינד
מיט קעפּן אַ ניט שולדיקע עֶגלָה-ערופה.

איך האָב קיין ברודער ניט.
און וואָלט איך אים געהאַט,
ער וואָלט געפירט געוואָרן קיין פּאָנאַר
זײַן זויבער לעבן דאָרט פאַרלירן.

איך האָב קיין ברודער ניט.
איז דאַנק איך גאָט דערפאַר,
דעם גאָט וואָס — ווײ אונדז ווײ —
אַן אַבֿ-הרחמים איז אויך פאַר די וואַמפּירן...

תל־אָביב, יוני 1980

★

זעלטן עפּענען מיר אונדזערע נשמות:
אַלץ מיר טראַכטן, אַז צו קנאַפּ מע שאַצט עס אָפּ,
און מיר לאָבן זיך מיט אונדזער אייפערדיק בעלנות
רק צו שטעלן אויפן אָפּגעזונדערט זײַן דעם טראָפּ.

הייסט עס דען, אַז אַ נשמה טאָר ניט זײַן אַן אויפגעפּראַלטע,
און ניט גוט איז, אויב עס צוגווינטיקן נעמט אין איר?
כ'ווייס ניט! אָבער די, וואָס דאַרפן ניט פון אמת זיך באַהאַלטן,
האָבן פּײַנט אַ שטאָבע אויף אַ טיר.

יפו, סעפּטעמבער 1979

*

נעם ניט מיט צער אויף דײַן טעות
(סע לאָזט זיך ניט אויסמײַדן שוים),
און זאָל קיין פֿאַרדראָס דיך ניט נאָגן,
וואָס ס'פֿעלט דיר דער נייטיקער צוים
וואָס שיידט אָפּ דעם עיקר פֿון טפֿל,
און ס'נאַרט דיך דײַן זיכערע מאָס.

פֿאַרשטיי, אַז ס'איז מענטשלעכע טבֿע:
אי טאָן, אי זיך פֿרעגן: „צו וואָס?".

תּל־אָביבֿ, מאַרץ 1980

*

די קופּקעלער אַש פֿון די טעג אויסגעברענטע
זיי ליגן ווי ס׳וואָלטן זיי אָנגעהויפּט קראָטן,
און ס׳גליווערן שעהען אַזוי ווי די ראָבן
וואָס שטאַרן פֿאַרבענקטע אויף פּראָסטיקע דראָטן.

ווער ווייסט, צי מיר זײַנען גאָר פּעזיק באַנעמען
אָט דאָס, וואָס מיר ריידן זיך אײַן, אַז מיר ווייסן,
ווער ווייסט, צי סע לעסטערט ניט אונדז יענע מידה,
וואָס אונדז אַזוי ליב איז מיט איר זיך צו גרייסן?

יפו, 1979

## אַנטפּלעק מיר, גאָט!

אין מיטן נאַכט
האָב איך דערהערט: ס׳האָט עמעץ זיך צעלאַכט,
און מיר געוואָרן איז אויף אים אַזאַ רחמנות, אַז כ׳האָב געטראַכט:
כּײַ וואָלט ער בעסער שוין געוויינט,
וואָלט איך געמיינט,
איך קען אים העלפן... נאָר ער ט׳געלאַכט
(דערצו נאָך אין אַזאַ אַ סומנער חשוונדיקער נאַכט!),
ניט אַנדערש — ער איז ניט בײַם זינען
און ער אין לאַכן זוכט דאָס אים שטאַרק נייטיקע געוויין געפינען...
און אַז ער ענדלעך האָט שוין אויפגעהערט צו לאַכן,
האָב איך דערשפּירט, מײַן מיטגעפיל נעמט זיך פאַרפלאַכן
ביז עס ווערט אויס פאַרדראָס און אויס רחמנות,
און אײדעלע געפילן ווערן אומזיניקסטע זאַבאָבאָנעס...

אַנטפּלעק מיר, גאָט, מיט וואָס איז עבטער
ס׳בײַטאָגיקע געוויין פון אַ בײַנאַכטיקן געלעכטער?!

תל־אָביב, סעפּטעמבער 1980

*

שטראַליקע חלומות נאַשט מען,
אָבער זאַט ווערט מען פֿון שלעכטע.
גלײַכגילטיק צום איבערראַשט זײַן
שלעפּן מיר זיך אום פֿאַרשוועכטע.

אָ, ווי ליב ס'איז דאָס געווירבל
פֿון די רייצנדיקע מ אָ ד נ ע ס !
כאָטש דער טײַוול דרייט דעם צירקל,
איז פֿאַר אונדז דער קרײַז אַ גאָט-נס.

יפו, יולי 1973

★

אין אונדזער אומדערמידלעכן געיעג נאָך פרייד
איז יעדער צווייטער טראָט קאַפּאַבל ווערן אַ פאַררעטער,
און ס׳בראַוווע יאָגן זיך נאָך דעם וואָס עס פאַרגייט
ווערט אַ פאַרנאַרישט נאָכלויפן נאָך פאַלשע געטער.

פאַר וואָס ? פאַר וואָס דאַרף זײַן באַשערט
סע זאָל דער ווילן אונדזערער אַ שׂונא זײַן פון אונדזער וועלן,
און פון די ביימער, וואָס מיר פלאַנצן זיי פאַר אַ גן-עדן אויף דער ערד,
זאָל ווערן האָלץ אויף אונטערהייצן נײַע העלן ?...

תּיקו !
אויך פאַרן ת ש ב י תּיקו !

תל-אָביב, מאַרץ 1980

*

פאַרלאָשענע צײַט כאַפּט זיך אָן אַ מאָל ווידער
און ס'לעבן אויף בילדער פון לאַנג שוין פאַרבלייבטע;
דערפילט די נשמה אַ מיסטישן ציטער,
און ס'פּלאַטערן מלאָסנע מחשבֿות צעווייבטע.

פאַרלאָשענע צײַט, אַז זי צינדט זיך אָן ווידער,
איז שאַרפער איר בראַנד און איר פלאַקערן וואַכער,
און כאָטש אינעם מחריבֿ זײַן איז זי געניטער,
זי הינטערן צוים פון די יאָרן איז שוואַכער.

און דאָך איז פאַרלאָשענע צײַט אַ סכּנה,
וואָס מיר זײַנען נוטה זי ניט צו דערשאַצן.
מיר טרעטן אויף ראַנדן, — לונאַטיקערס לאָמע, —
און פילן, סע ציט אונדז אַ שד פאַר די לאַצן...

תל־אָבֿיבֿ, מאַרץ 1980

*

ס׳פאַלן בלעטער, ס׳פאַלן שטערן, ס׳פאַלט דער מוט,
האַרבסט פאַרקריכט אין טיפסטע פאַלדן פון נשמה,
און ס׳צעטראָגט אים איבער אַלע אָדערן דאָס בלוט
וואָס פון אלולדיקן וועלק-זשאַווער איז טמא...

כמורנע שטימונג — אַכזורדיקע בײַטש,
וויפל איז דער שיעור אַזוי אַ בייז צו שמײַסן ?
כ׳פרעג דיך, סומנע ! זאָג מיר, סטײַטש
דינסטו אַזוי ניכנעדיק דעם גורל בעסן ?

מעגלעך טאָקע, אַז דו ביסט גערעכט,
און מיר, טיפשים, גרײַזן וואָס מיר צו שטאַרק האָפן.
ס׳איז דאָך אָבער אַזוי מענטשלעך עכט,
איז דען רעכט פאַר דעם אונדז צו באַשטראָפן ?

תל-אָביב, אַפּריל 1980

## מיר זײַנען מענטשן נאַרישע...

מיר זײַנען מענטשן נאַרישע
און טרוימען רק פון גליק;
און אַז אַ מאָל ס'דערבאַרעמט זיך
שוין איבער אונדז דאָס גליק,
און טוט אַ שמייכל וואַרעמלער,
אַ ווונק מיט פאַלשן בליק, —
מיר זײַנען מענטשן נאַרישע
און שמעלצן זיך פון גליק...

מאָסקווע, מאַרץ 1946

## שולדגעפיל

איך ספק רק צי איך בין ווערט,
איך זאָל פון לעבנס גנאָד געניסן,
ווײַל דער וואָס האָט אויף אונדזער ערד
איין שפּרענקל נאָר אויף זײַן געוויסן,

איז שוין פון מענטש-אַלימפּ אַראָפּ,
אַרײַן אין מחנה פון נפילים.
ער איז ניט ווערט געניסן גאָב,
ס'איז טרייף זײַן אויסדערוויילטקייט שפּילן.

איז ווי און שאַנד מיר, וואָס כ'באַקום
וואָס אין דער אמתן מיר קומט ניט!
אַן אויסנאַרער איך וואָגל אום —
מער אומערלעך, ווי אומגעלומפּערט.

תּל-אָביב, אַפּריל 1980

## זינדיקייט

מער פון אַלץ קען איך זיך ניט פאַרגעבן
יענעם חטא, וואָס איך בין ניט באַגאַנגען.
אינעם ווילן ווילדוואַלד פונעם לעבן
טאָר מען ניט פאַרשעמען די פאַרלאַנגען.

מער נאָך פון די גיריקסטע נקמות
מאַכט די ריינע אומזינדיקייט דאָרשטיק.
ווײַך פון די אויך ווײַס-געקליידטע נאָנעס,
הייליק לײַב איז קראָקאָדיליש שאָרסטיק.

וויי צו דעם אַבי-אָבות-הטומאה!
צען מאָל וויי צו דעם אַבי-אָבות-הטיפשות!
לעבן אין איין שרעק פאַר וועגן קרומע
איז אַ חטא אַ גרעסערער ווי קנײַפּן שיקסעס...

יפו, אויגוסט 1972

## צו וואָס האָסטו באַדאַרפט אַליין זיך נאַרן?

צו וואָס האָסטו באַדאַרפט אַליין זיך נאַרן —
זיך אײַנריידן, אַז ס'קאָן אַ נאַכט, פּונקט ווי דער טאָג, זײַן שיין?
האָסט דאָך געזען, ווי מרה-שחורהדיק סע ווערן די בולוואַרן,
ווען ס'ווערט פאַראַשט דאָס בלוטיקע פאַרגיין?

פאַר וואָס האָסטו נאָך אינעם זעלבן טאָג זײַן אויפגאַנג שוין פאַרגעסן,
אויף בלומרשט-שימחהלער צעביטן אמתדיקע פרייד?
דער אייביקייט איז גליק, פּונקט ווי דאָס אומגליק, לאַנג דערעסן
(אָט די אָ סתּירה-רינגען פונעם לעבנס פענטע-קייט).

פאַר וואָס? פאַר וואָס דערלאָזסטו, מע זאָל דאַרפן אַזאַ סך דיך פרעגן,
און דו זאָלסט מוזן ענטפערן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ?
וואָס פעלט דיר אײַן פאַר סופן זיך צו שרעקן,
דו, וואָס געהערט האָסט שוין, אַחוץ דער נאַכטיגאַל,
אויך אַ קוקאַווקע און אַ ראָב?

ווילנע, יאַנואַר 1969

# סע טרעפט...

סע טרעפט: דו שרײַבסט אַ ליד,
און פּלוצעם טוט זיך דיר אַ גליטש אַוועק די פּען
פון דעם בלויז דיר-אַליין-באַשערטן נוסח,
צערודערט עס אַזוי דײַן אָנגעגליט געמיט,
אַז דאָס אַרײַנפאַלן אין פעלשונג
ווערט פאַר דיר אַ מוזזאַך.

סע טרעפט, סע טרעפט...
און יעדע שאַפונג
ווי אַ קימפּעטקינד
באַדאַרף מען היטן.
סע קען דאָך זײַן,
אַז בעת מען וואָרט צו וואָרט באַהעפט,
איז, חוץ דער שכינה,
אויך דער סמך-מם פאַראַן אין מיטן.

תל-אָביב, אויגוסט 1980

*

כ׳האָב אַזוי פיל לידער שוין געשריבן,
און איך ווייס ניט וואָסער ליד כ׳מעג רופן מײַנס.
עפּעס דאַכט זיך מיר, אַז יעדער דיכטער קען פאַרמאָגן
בלויז א י י ן ליד וואָס עס קען הייסן זײַנס.

בלעטער איך און בלעטער מײַנע לידער —
בלאָנדזשע אין אַ וואַלד וואָס כ׳האָב אַליין געפלאַנצט,
און די שורות, מעשׂה ווערגנדיקע ליאַנעס,
וויקלען זיך ווי שלענג אַרום מײַן האַלדז...

וואָס זשע טוט מען, האַר פון שירה, וואָס זשע טוט מען ?
ווי געפינט מען רו פאַר מײַן צעספּקותדיקט געמיט ?
עצהסט : ראַטעווען זיך — פונעם שורות־וואַלד אַנטרינען ?
קען איך דאָך ניט איבערלאָזן מײַן ב ן - י ח י ד-ליד !

יפו, אָקטאָבער 1979

✶

ווען איך האָב דעם מינדסטן טעות,
ווען כ׳באַגיי אַ שווערן גרייַז,
זע אין דעם איך אַ באַווייַז,
אַז אַ גראָדער אמת דאָ איז.

דאָך ווען פרייַ כ׳בין פון אַ פעלער —
כאָטש מייַן בליק איז דעמאָלט העלער —
טראַכט זיך: אפשר עס באַווייַזט,
אַז מייַן אמת איז פאַרגרייַזט ?...

ווילנע, מאַרץ 1957

*

ווײַל פֿאַר יעדן גרײַז פֿאַראַן עס איז אַ ווײַל,
מעג איך פֿילן זיך באַפֿרײַט פֿון עול פֿונעם אַחריות.
כ'בין ניט פֿעיִק שטעלן טריט פֿון זיבן מײַל,
אָבער איטלעך טראָטל מײַנס אי אייגן איז, אי פֿרײַ איז.

כאָטש איך אומאויפֿהערלעך טרײַב פֿון זיך דעם גרײַז,
פֿיל איך, אַז מײַן מענטשלעכע ניט־שלמותדיקייט טוט צוריק אים רופֿן,
און דער פּשוטסטער און זיכערסטער פֿאַר דעם באַווײַז
איז מײַן שטענדיק זוכן טרייסט: אָט אין נזירות, אָט אין קופּל...

תּל־אָביב, מאַרץ 1980

## אויסגעפּאַרריכט כ'האָב מײַנע גרײַזן...

אויסגעפּאַרריכט כ'האָב מײַנע גרײַזן,
בין געוואָרן איך פאַרלאַטעט,
און פאַרשוווּנדן איז מײַן גאַנצקייט
(מעג זײַן — די צעלעכערטע).

גיי איך מער ניט אום צעריסן,
דאָך איך פיל, אַז עפּעס פעלט מיר.
כ'בין אַן אָרעמאַן געוואָרן —
פרעמדע פליקער אויף מײַן איך...

מאַך איך מיר אַ בעטלער-טאָרבע,
הענג אַרויף זי אויפן אַקסל,
לאָז זיך גיין איבער די הײַזער:
„גוטע מענטשן, שענקט אַ גרײַז!"

שטויס איך אָן זיך רק אויף קאַרגע.
קלאַפּן צו זיי טיר און טויער:
„ס'איז ניטאָ וואָס דיר צו געבן.
גיי זיך, קבצניוק, דײַן וועג!"

שלעפּ איך אום זיך, שלעפּ איך אום זיך
מיט אַ שנאָרערבליק אַ פײַכטן,
און מײַן גרויע פּוסטע טאָרבע
ווערט אַלץ מערער אײַנגעדאַרט;

און אָט איז זי גאָר אויס בײַטל —
אויבעט זי איז שוין אַ לאַטע,
צוגעקלעפּט און צוגעשטאַנען
צו מײַן אויספֿאַרריכטן איך.

ווו איך גיי, אַלץ מע באַקוקט מיר,
רק מע טײַט אויף מיר מיט פֿינגער,
און מע שאָקלט קעפּ, באַדויערט:
„נעבעך, נעבעך — אָן אַ גרײַז!"...

ווילנע, אָקטאָבער 1967

## סך־הכּל

ווען וואָלסט קענען זײַן אויף זיך אַ באַלעבאָס,
זײַן דער האַר איבער דײַן האַרץ און ווילן,
וואָלט ניט דאַרפֿן פּײַניקן דיך אַ פֿאַרדראָס
וואָס דו מוזסט אַ לעבן לאַנג רק פּשרה שפּילן.

אָ, עס איז אַ פֿעלדזנפֿעסט געבאָט,
אַז דער מענטש, וואָס איז אָט מלאך און אָט חיה,
האָט אַ טבֿע, אַז ער קען ניט לעבן אָן אַ גאָט,
און ער מיט זײַן ניכנע זײַן איז זיך מחיה.

גאָט און מענטש זײַנען געפּאָרט צו גיין בײַנאַנד,
און זיי דאַרפֿן ניט געזען ווערן ווי כּלאָים;
אָבער אויך דער גרעסטער לעבנס-קינסטלער איז אַ דילעטאַנט,
אין די ראָלעס טראַגישסטע מע בלײַבט אַ קאָמעדיאַנט,
און מע לעסטערט גאָט, אויך זײַענדיק געטרײַ אים...

תּל־אָביב, מײַ 1980

## סוף־כּל־סוף...

סוף-כּל-סוף איז דאָך קיין סוף גאָר ניט פֿאַראַנען.
וואָס זשע איז דאָס ציטערן אַזוי פֿאַר אים ?
פֿון די קראַטערס פֿון צערוגזטע ווולקאַנען
שפּאַרט אַרויס דער ערדקוילס סטראַשענדיקע שטים :

„מײַנע אינגעווייד באַגערן חרובֿ מאַכן וועלטן,
אַזש ביז צו אַן אומבּרענגען אויך זיך אַליין.
ס'בּענקט די לעבעדיקע היץ נאָך טויטע קעלטן,
ווי סע ציט דעם הייסן שטראַל צום קילן שטיין.

אַלץ, וואָס לעבט אויף מיר, איז ליב מיר און דערווידער —
כ'בּין די מאַמע און די שטיפֿמאַמע צו גלײַך.
דאָך בּיז איצט כ'באַנעם נאָך ניט, למאַי מען אַזוי ציטערט
פֿאַר דער באַרג-אַראָפּיקייט פֿון לעבנסטײַך...״

יאָ, ס'איז סוף-כּל-סוף קיין סוף גאָר ניט פֿאַראַנען.
און אַן אָנהייב איז דען יאָ פֿאַראַן ?
וואָס מער ס'דאַכט זיך אונדז, מיר אייגנווייליק שפּאַנען,
גייען מיר גאָר מערער נאָך אין שפּאַן.

תּל־אָבֿיבֿ, יוני 1980

# אין טיפער פוטערפאַס פונעם זכּרון

★

יעדערער פון אונדז
קאָן זיך דערמאָנען:
נאַכט. אַ פּוסטע גאַס.
נאָר ע ר און די לבֿנה.

טאָ פאַר וואָס
איז ניט באַשערט די פרייד,
מע זאָל זיך געדענקען
מיט דער זון באַצווייט?...

גאָט, מע זאָל דערפון
כאָטש ניט באַדאַרפן דרינגען:
וואָס אַזוינס קאָן י אָ,
און וואָס קאָן נ י ט געלינגען!

ווילנע, פעברואַר 1957

## נאָך ביז צום טאָג דעם היַינטיקן

דאַכט זיך מיר, אַז ביז צום טאָג דעם היַינטיקן
נאָך הוידעט זיך מיַין וויגל.

דאַכט זיך מיר,
מיַין דופק איז קיין אַדער ניט,
נאָר גאָר אַ ק ל אַ נ ג ע ן - ש פּ י ג ל.

„טאַק! טאַק!
טאַק! טאַק!" —
איז ער מיך מזכּה
מיט שיפּרירטע בלומרשט-ענטפּערלער
אויף נאָגנדיקסטער פּראַגע...

דאַכט זיך מיר,
ס'איז דאָס אַוועקגעגאַנגענע
גאָר קיין מאָל ניט געווען צו מיר דערגאַנגען.

דאַכט זיך מיר,
אַז לעבן הייסט:
זיַין אַלע מאָל פון עפּעס-וואָס געפאַנגען.

„טאַק! טאַק!
טאַק! טאַק!" —
טאַקעט עס און טאַקעט...
אינעם אָנבליק פון דער אייביקייט
דערפילט מען זיך ווי נאַקעט!

ווילנע, אַפּריל 1970

## פלוצעם קומט צו מיר מייַן יוגנט...

פלוצעם קומט צו מיר מייַן יוגנט
אין מייַן עלטער-זיידעס שפּענצער,
שטעלט צו מיר זיך מיטן רוקן
און פאַרשטעלט די שייַן פון פענצטער.

זי, וואָס האָט מיך לאַנג פאַרלאָזן,
ניט געוואָלט שוין מער מיך קענען,
שטייט איצט מאָדנע אָנגעבלאָזן.
שעמט זי זיך, צי מיינט פאַרשעמען?

ס'שווייַגט מייַן יוגנט, דאָך איר שווייַגן
איז מיט רוגז אָנגעלאָדן.
כ'פיל, זי וואַרט איך זאָל פאַרבייַגיין,
אָנטרעטן איר אויפן שאָטן,

וועט זי זיך אויף מיר אַ וואָרף טאָן
ווי אַ מאַרקהענדלערקע זידלען
(און אַ מאָל פלעגט זי דאָך וואָרקען
צאַרטער נאָך ווי ס'קענען פידלען)...

יוגנט מייַנע, ווי געוואָרן
ביסטו עס אַזוי פאַרביסן?
ענטפערט זי מיט גיפט און צאָרן:
„פרעג דייַן פאַרעוועשן געוויסן!".

ווילנע, מאַרץ 1968

## האָב איך ניט פֿאַרגונען זיך מײַן גוטע שטימונג...

האָב איך ניט פֿאַרגונען זיך מײַן גוטע שטימונג
און אַרויסגעשלעפּט פֿון מײַן פֿאַרוואַקסענעם זכּרון
אַ זינט יאָרן שוין פֿאַרטריקנטן פֿאַרדראָס.

איז אַרויס ער פֿון פֿאַרגעסונג,
און ווי נאָר, ווי נאָר אויף אים האָט
פֿרישע לופֿט געטאָן אַ ווייע,
איז ער לעבעדיק געוואָרן
און ט'גענומען מיך דערקוטשען,
פּלאָגן, מאַטערן און ווי טאָן,
ביז ער אָנגעגאָסן בלײַ האָט
אין מײַן אָנקרייטיק געמיט.

האָב איך ניט פֿאַרליטן שוין מײַן שלעכטע שטימונג
און אַרויסגעשלעפּט פֿון מײַן פֿאַרוואַקסענעם זכּרון
אַ זינט יאָרן שוין פֿאַרדאַרטע פֿרייד.

איז אַרויס זי פֿון פֿאַרגעסונג,
און ווי נאָר, ווי נאָר אויף איר האָט
פֿרישע לופֿט געטאָן אַ ווייע,
איז זי באַלד אויף שטויב צעפֿאַלן,
און געקומען איז אַ בענקשאַפֿט
שווערערע נאָך פֿון פֿאַרדראָס.

ווילנע, יאַנואַר 1970

## ניט ווי אַבֿרהם אָבֿינו...

אָפּגעטער פון לייִם,
אָפּגעטער פון שטיין —
איר, וואָס איך אַליין האָב אײַך באַשאַפן,
כ׳בין שוין מער ניט אַזוי בלינד,
כ׳בין שוין צײַטיק צו צעברעכן אײַך,
ווו אָבער נעם איך די קראַפט
צו צעברעכן מײַן געוווינטשאַפט ?...

תל-אָביב, מאַרץ 1980

*

איך קום צו זיך צו גאַסט
און כ׳פּיל, אַז כ׳בין אַ שלעכטער מכניס-אורח.
און אפשר קום איך גאָר אַ דעזערטיר,
וואָס וויל פון זיך אַנטלויפן
און מיינט, ער וועט ביי זיך
דעם נייטיקן אַזיל געפינען ?
אַזאַ אָ נאַר !

תל-אָביב, אויגוסט 1980

## איך — קעגן זיך

אין קאַמף מיט זיך
איך קריוודע זיך,
וואָס צווינגען זיך,
באַהערשן זיך,
באַזיגן זיך
פאַרוועּר איך זיך.

אַפילו ק ע ג ן זיך —
אויך מיטן זיך...

ווילנע, יולי 1964

# אָנהייב

ווי די פרייד וואָס פליט אָן פליגל,
ווי דער צער וואָס דריקט אָן וואָג,
הייבט אַרויס זיך פון מײַן וויגל,
קומט צו מיר מײַן ערשטער טאָג.

פלוצעם שטייט ער פאַר מיר ווידער!
נאָך פאַרטאַכלעוועטע יאָר
נעמט אַדורך אַ העלער ציטער
מײַן פאַרקאַלטבלוטיקטע וואָר:

אײַנגעשלאָפענע חלומות
ווערן ווידער אַ מאָל וואַך,
אָפּגעדראָשענע רעיונות
ווערן ראָוי נײַקייט-שבֿח;

און ס׳געשעט אַזוי (איך ווייס איצט —
ס׳איז מיר מער ווי קליפּ און קלאָר),
ווײַל אין יענעם טאָג ט׳געבראַשיתט
אויך פאַר מיר גאָטס „יהי אור!"...

ווילנע, אָקטאָבער 1957

*

אין מײַן קינדהייט פלעג איך היטן —
וועלן אויפכאַפּן די ווײַלע —
י ע נ ע רגע, ווען כ׳שלאָף אײַן.
איצטער האָב איך דאָס געמיטן;
איצטער מאַטערט מיך די שאלה:
ווי קומט מענטש אין האַרץ אַרײַן?

אָקערשט ביסט נאָך מיר אַ פרעמדער,
ס׳פּאַלט מיר גאָר ניט אײַן צו קלערן,
כ׳זאָל אַ מאָל דיך וועלן זען.
באַלד — צו דיר שוין אַ געווענדטער —
כ׳וואַרט... און ס׳בענקט זיך מיר ביז טרערן...
ווען און ווי איז דאָס געשען?

ווילנע, דעצעמבער 1957

## האַוועניש

ניט צופרידן כ׳בין מיט מײַן צופרידנקייט,
כ׳בין צופרידן מיט מײַן ניט-צופרידנקייט.
דריי איך זיך, פונקט ווי דאָס הינטל
וואָס ט׳אַרײַנגעכאַפּט זײַן עק אין פּיסק.

אין מײַן אומרויִקייט דער צעזאָטענער,
אין מײַן רו אויף שטויב צעשאָטענער
באַלעבאַטעוועט אַ קידער-ווידערניש
וואָס מיט פרייד יעטווידע פרייד פאַרוויסט...

דריי איך אום זיך, ווי דאָס הינטל דאָס באַנומענע,
יאָג מיטן אַוועקגעגאַנגענעם דאָס אָנגעקומענע,
טרייסט זיך מיט דער שפּיל
פון פאַנגען זיך אַליין;

און מײַן לעפּיש הינטיש יאָגעניש,
און זײַן טרײַבפעדער —
דאָס מענטשלעכע פאַרבענקטע נאָגעניש
וועלן שוין אַ פּנים קיין מאָל,
קיין מאָל ניט פאַרגיין...

ווילנע, יולי 1966

## איך און דו...

אין די בראַנדזענע פאַרנאַכטן,
ווען געבוירן ס'ווערט די רו,
אַזוי גוט עס איז צו טראַכטן:
ווער בין איך און ווער ביסטו?

אין דער וועלט אַזוי פיל וועלטן
(יעדער מענטש — אַ גאַנצע וועלט).
ס'דוכט, אַז אָפט, און דאָך נאָר זעלטן
אונדז אַ צווייטנס וועלט געפעלט.

טאָ ווי קאָן עס דען געמאָלט זיין,
דו זאָלסט זיין מיר אַזוי נאָ'נט?
איך בין ניט ווי כ'האָב געוואָלט זיין,
ניט ווי איך האָב זיין געקאָנט;

דו ביסט ניט ווי כ'האָב פאַרטראַכט דיך
ערגעץ ווען און ערגעץ וווּ,
טאָ פאַר וואָס זשע פאָרט אַלץ ס'טראַכט זיך:
ווער בין איך און ווער ביסטו?...

יעדער שאָטן איז אַ בענקען
נאָך דער שיין וואָס איז פאַרשטעלט.
ווי זשע זאָל מען ניט געדענקען
דאָס וואָס אונדז אַ מאָל באַהעלט?

ווי זשע זאָל איך ניט אַלץ טראַכטן,
אַז עס מוז אַזאַ נאָך זײַן,
וואָס נאָך איר אין די פֿאַרנאַכטן
מוז מען בענקען ווי נאָך שײַן?

קאָן דען זײַן, איך זאָל ניט אָנען
דאָס וואָס לאָזט מיך ניט צו רו?
פֿיל איך, אַז א י ך בין פֿאַראַנען,
מוז איך טראַכטן: „ווער ביסטו?".

ווילנע, אַפּריל 1946

# גורל

כ'האָב געזוכט דיך אין דער גאַנצער שטאָט;
אין א י י ן בוידעמשטיבל ניט אַרײַנגעקוקט,
ביסטו דווקא דאָרט געווען...

גורל מײַנער, גורל!

בין אַוועק איך זוכן דיך איבער דער וועלט,
אומעטום איז דײַן געשטאַלט געגאַנגען מיר פאָרויס,
דאָך אין ערגעץ ביסטו ניט געווען...

גורל מײַנער, גורל!

האָב איך אַ פאַרמאַטערטער אַראָפּגעלאָזט זיך אויף אַ שטיין —
מיד פון שטענדיק זוכן דיך פון דער ווײַט,
מיד פון תמיד נאָר באַשאָטנט זײַן, אַנשטאָט — באַשײַנט...

גורל מײַנער, גורל!

זיץ איך אויפן שטיין — אַ גרויער און אַ האַרטער פונקט ווי ער;
שטענדיק ניט געפינען איז אַ שווערער גזר,
שטענדיק מוזן זוכן איז אַ לוין...

גורל מײַנער, גורל —
צווילינג-ברודער גורל!...

ווילנע, אַפּריל 1960

## עלעגיע

כ׳האָב געהאָפּט דיך זען מיט גרויע האָר,
ווען עס אָבער קיין מאָל שוין ניט ווערן וואָר! — —
— — — — — — — — —

וועל איך אָנשעפּן אַן עמער בלויע נאַכט
פון דער צײַט, וואָס כ׳האָב מיט דיר פאַרבראַכט,

און זיך אָפּגיסן דערמיט און בלײַבן שטיין
אויף דער אייביקייט — אַ שווערער בלויער שטיין,

און כ׳וועל גליוווערן און טראַכטן וועגן דיר,
וועגן מלאכישן גלעט פון דײַן באַריר...

נאָוואָסיבירסק, 10.11.1941

## ערגעץ שפּילט אַ פידל בײַ דער נאַכט

אַ פידל שפּילט — די סטרונעס װײנט,
דערמאָנט מיר װײַטע יאָרן,
װאָס פופציק יאָר שױן װי איך מײן,
אַז כ׳האָב זײ אָנגעװאָרן.

דער פידל װײנט — אָט ער גײט אױס
פאַרסירעפּט און צעצװיגן.
דוכט זיך, דער אָטעם פון אַ הױז
איז עס אַרױסגעפלױגן,

און אַ פאַראָבּלטע בלײַבט שטײן
די שטאָט אָן פידלס װײנען;
די גאַס — אַלײן, און איך — אַלײן,
אַ גאַנצע װעלט — אַלײנען...

געהערט כ׳האָב פאַר די פופציק יאָר
די בעסטע, דוכט זיך, פידלערס,
נאָר פּלוצעם איצט מיר דוכט זיך גאָר,
אַז אָט ד ע ר לאַקרעץ-לידלער,

נאָר ער אַלײן מיט זײַן געװײן,
געשמאַקלאָזיקן קלאָגן
פאַרמאָגט דעם שלמותדיקסטן חן,
האָט סאַמע שײנס צו זאָגן.

און באַטש ס׳איז צזעוודיק זײַן כליפּ —
אי לאַקרעצדיק, אי גליטשיק,
איז ער מיר אַזוי פּײַנלעך ליב —
מײַן קינדהייט גלעט זײַן סמיטשיק...

ווילנע, אַפּריל 1957

# דער קלאַוויר

ליגן דאָ עס מײַנע טעג און נעכט
אויסגעלייגטע אין איין רײ
אין אַזאַ משונהדיקן סדר ?

יעדער טאָג פֿאַרמאָגט זײַן שטים,
יעדע נאַכט — איר אייגן קול ;
אַלע קלאַנגען — שכנותדיקע,
קרובֿישע, ניט-זעלבע.

כאַפּ אַ טאָג איך פֿון איין ברעג
און באַגלייט אים מיט צוויי נעכט.
נעם דערנאָך אַ ווײַטע נאַכט
און איך טו זי
מיט אַ מחנה טעג פֿאַרהילכן.
כאַפּט זיך אויף אַ מאָדנע וועלט,
ווי געריכט ס'וואָלט זיך דאָס אײַז
און אַוועק עס וואָלט דער טײַך פֿון לעבן...

ברויזט די דורכגעמישטע צײַט —
קינסטלעכער ליכט-חושך-בײַט,
דאָך דאָס לעבן, ווען ס'ווערט אויפֿגערודערט,
איז נאָך מער נאַטירלעך...

טאָג און נאַכט —
נ אָ ר טאָג און נאַכט,
און אַזוי פֿיל ווערט פֿון זיי געמאַכט,
ביז עס פֿאַלט אַראָפּ דער שוואַרצער דעק
און האַקט אַלץ איבער....

ווילנע, מאַרץ 1963

## טרייסט

ווײַל עס איז אַ טרייסט בנימצא
דאַרף דאָך גרינגער זײַן די צרה.
דאָך אויף דעם זיך צו פֿאַרלאָזן
איז באָדיי עבֿודה-זרה.

מיינסט, די טרייסט איז אַ ראַטוניק ?
ניין, זי איז דער טעמפּער ווינקל,
וווּ דו קומסט זיך אויסבאַהאַלטן
און באַקומסט אַ טוכלען ווינטל...

תּל-אָביב, מאַרץ 1980

## אָסור...

אָסור אויב איך ווייס פאַר וואָס
לוסט איז אָפּט פאַרבאָטן,
און אויף גרינקייט פונעם גראָז
פאַלט אַ שוואַרצער שאָטן.

אָסור אויב איך טראַכט, אַז כ׳וועל
עס אַ מאָל באַנעמען:
הלמאַי בשעת ס׳איז העל
שטאַרקט זיך דאָס זיך שעמען.

אָסור אויב איך רייד זיך איַין,
אַז איך בין צופרידן
וואָס איך האָב מיַין אומרו-ברי
אויף רופראָסט אויסגעביטן...

יפו, אָקטאָבער 1972

★

אויב אין טיפער פוטערפאַס פון מײַן זכּרון
ליגן אָנגעזאַמלט לאַנג שוין אויסגעוועפּטע יאָרן,
איז עס ניט דערפאַר, וואָס כ׳בין קמצניש גיריק,
נײַערט ווײַל איך קראַנק בין אויף נאָסטאַלגיע־ליריק.

גוט איז וואָס די בין־השמשות־שעה טוט אונדז פּאַרטרויען,
אַז עס איז אַ זכות, און ניט קיין שטראָף, ניט קיין נסיון,
וואָס דאָס גרויע ווערט קאָליריק אין זכּרון
און דאָס שלמות בענקט נאָכן אַמאָליקן חסרון.

ווילנע, אָקטאָבער 1968

*

דער מינדסטער געדאַנק
האַלט, אַז ער איז דער עיקר,
און עס איז אַ חיובֿ
פֿאַר אים זיך צו בוקן.
דאָך מיר איז מער ליב
דער קאַפּריז — דער אָ שיכּור
וואָס איז ניט ביכולת
אַ ניכטערער קוקן...

ס׳קען זײַן, איך באַגיי
סאַמע נאַרישסטן פֿעלער,
און ס׳וואָלטן קפּדנים
פֿאַר דעם מיך גאָר שמײַסן,
נאָר כ׳ווייס: דאָס ז ע ן העלער
באַטײַט ניט ז ײַ ן העלער.
אָ האָב ניט פּאַראיבל,
דאָגמאַטיקער פֿעסן!

ווילנע, דעצעמבער 1970

*

ס׳איז רעכט, ווען מע זאָל
אויף דער זון קוקן קאָנען,

מע וואָלט זי גאָר זען
ווי מע זעט די לבֿנה:

אַ טרויעריק, גלײַכגילטיק,
לעקישדיק פּנים.

דאָך איצט זי פֿאַר אונדז איז
דער טראָפּ פֿון דער וועלט;

די שײַנונג
דעם שײַנערס חסרונות פֿאַרשטעלט.

ווילנע, אָקטאָבער 1966

## די זון, נעבער...

איך האָב רחמנות אויף דער זון ווען זי פאַרגייט.
עס פלאָגט זי אַזאַ שווערע בושה,
אַז ניט נאָר זי אַליין ווערט רויט —
דער גאַנצער פערלדיקער מערב פלאַקערט...

נאָר אויך קאַיאָר איז מיר אַ צער אויף איר.
זי ברעכט די נאַכט, באַשאַפט אַ טאָג,
און שטײַגנדיק אַ יונגע, רייטלט זי זיך ווידער:
ווײ-ווײ, זי איז אַ מאָל פאַרגאַנגען!...

ווילנע, מאַרץ 1967

## מענטש קעגן דער זון

ווי זאָל מען אַזוינס פֿאַרשטיין ?
ווי אַ גרויסער טעלער ביסטו קליין,
און אַזוי פיל היץ, אַזוי פיל שײַן !
ווי קען עס זײַן ?

פון מײַן קינדהייט אָן איך זע דײַן גאַנג.
זינט כ׳געדענק זיך, טוט מיך שטענדיק באַנג,
וואָס איך קען ניט אָנקוקן דיך גראָד,
און די גרעסטע קלאָרקייט בלײַבט אַ העלער סוד...

אין אַ גרויסן וואָלקן ביסט אַרײַן.
פון די זײַטן זײַנע פינגערט זיך דײַן שײַן.
און אַז וועסט אַרויס באַלד פון דער גרויער ציך,
וועסטו כאָטש באַמערקן מיך ?

ווילנע, אָקטאָבער 1963

## צווישנצײַט

אין גרויען טור פון דעמער-שעה
פֿאַרקוטעטע די גאַסן.
ניטאָ קיין מער באַקוועמע שעה
וואָס זאָל פֿאַר ספקות פּאַסן,
ווי די וואָס איז ניט-טאָג, ניט-נאַכט,
ניט-פֿינצטערניש, ניט-העלקייט,
ווען ס'איז דערשטיקט זונס רויטע פּראַכט,
און ס'גילט לבֿנהס געלקייט.

איז אָט דערמאָנט זיך מיר:
בײַ טאָג געטאָן איך האָב, וואָס גוט איז,
דאָר איצט מײַן האַרץ זאָגט מוסר מיר:
„אַזאַ מין זאַך, ווער טוט עס?",
און כ'ווייס ניט, צי מע טוט ניט גוטס,
צי איך האָב ניט געטאָן עס...
נאָר ספקות אומקלאָרע אַ טוץ,
ווי נעכטיקע לבֿנות
זיי שטייען פֿאַר די אויגן מיר,
אַז ס'ווערט די גרויקייט גרויער.
כ'דערפֿיל דעם גליטשיקן באַריר
פון צווישנצײַטן-טרויער...

ווילנע, אויגוסט 1957

## אַ זומער־אָוונט

שאָקלען די נאַסטורציעס מיט די קעפּלעך —
שטימען איַין מיט אַלץ
וואָס ס'זאָגט דער ווינט.

שמייכלט די לבֿנה,
ווי סע פּאַסט זיך פֿאַר אַ טיפּשה
בעת איר דאַכט זיך,
אַז זי לויב פֿאַרדינט.

און די פֿרעש מיט אויפֿגעפּראַלטע געמבעס
קלימפּערן אַריַין אין חושך:
„קאַרג! קאַרג! קאַרג! קאַרג!"

ליַיטזעליקע שטייען דעמבעס,
אַ צופֿרידענער — דער באַרג,
מער ניט זיי, די גליטשיקע, איז קאַרג
וואָס דער גורל זיי באַשערט!

און זיי קוויקן זיך אין וואַסער,
און געניסן אויף דער ערד...

ווילנע, פֿעברואַר 1967

# לבֿנה

פֿאַרגיב דער לבֿנה
איר נאַרישן שמייכל,
די פֿרייד, וואָס דאָס גליק
צו באַשײַנען געהערט איר.

פֿאַרגעס ניט,
ווי זי איז געהאַנגען אַ בלייכע,
באַשיידן געוואַרט
אויף איר שעה דער באַשערטער.

ווילנע, אָקטאָבער 1963

# אַ לבָנה-נאַכט

בײַ דעם צעפּאַלענעם אויף שטיקער ווײַסל
הענגט דאָס געלכל גאַנץ און שטײַף.
און איך האָב ניט געזען דאָך גאָר קיין איי,
פֿון וואַנעט איז עס אַלץ געקומען?

די שוואַרצע ריזן-שיסל הויערט מיטן מויל אַראָפּ,
און דאָך אַלץ האַלט זיך, גאָרנישט פֿאַלט אַרויס.
דער צווייטער וווּנדער
איז נאָך איבעררעאַשנדיקער פֿונעם ערשטן.

אַ זע: די שטיקער ווײַסל האָבן זיך צונויפגעשמאָלצן.
זע-זע: דאָס גאַנצע ווידער איז אויף שטיקער זיך צעפֿאַלן,
נאָר בלויז דאָס געלכל איז, ווי פֿריִער, גאַנץ און שטײַף;
צי איז עס דאָס באַשטייזקע וואָס אינעם לעבן?

און סודותדיקער ווערט דאָס גרויסע איי — די וועלט —
וואָס כ'האָב עס קיין מאָל, קיין מאָל ניט געזען אין גאַנצן,
און וואָס איך גלייב, אַז איצטער זײַנע אינגעווייד איך זע:
זײַן געלכל וואָס איז שטײַף, זײַן ווײַסל וואָס זיך ענדערט...

איך שטיי און קוק, און קוק... די נאַכט ווערט אָן איר האַפּט,
אַ פֿלאַקער שפּאַרט אַרויס, ס'ווערט ראָז די שוואַרצע שיסל.
כ'באַטראַכט אַלץ פֿון דאָס נײַ און איך דערזע שוין: ס'הענגט
דאָס געלכל פֿון בײַ נאַכט — אַ שטיקל ווײַסע שאָלעכץ...

ווילנע, אַפּריל 1960

# לויב

פּיצלער שטערן און לבֿנה
מיטן זאַפּרען-געלן פּנים,
ווי אַזוי איז אײַך געלונגען
איר זאָלט זײַן אַזוי באַזונגען,
ס'זאָלן אַכפּערן אײַך דיכטערס
מער נאָך ווי די שאַרפּסטע ליכטער —
ווי דעם בליץ און ווי די זון ?

קוקט לבֿנה נאַריש-פרום,
גלאָצן שטערן און זיי שווײַגן.
פּלוצעם ערגעץ פון די צווײַגן
און די נאָדלען די יאַדלאָווע
רופט זיך אָפּ אַ שטאַרע סאָווע :
„יאָ, מע זינגט ,לבֿנה... שטערן...'
מיינט מען עס דען זיי באַערן ?
מע באַזינגט עס דאָך די נאַכט —
זי, וואָס זעעוודיק מיך מאַכט"...

ווילנע, יאַנואַר 1957

## שלאָפלאָזיק...

אַ האַלבע לבֿנה,
אַ פולע לבֿנה,
צי איז דען אַ חילוק ?
אַלץ איינס איז דאָך נאַכט.

פאַרקראַמף דײַן נשמה,
מאַך טויב דײַן נשמה,
צי ס׳הוליעט דער ווינט,
צי ער גוטמוטיק לאַכט.

סע שטאַרן די שעהען —
פאַרשטעלטע ניטאָען,
וואָס זײַנען פאַראַנען
צו זײַן נאָר אַ שטראָף.

אַ פולע לבֿנה,
צי האַלבע לבֿנה — — — —
אַ פוסטע נשמה,
פול בענקשאַפט נאָך שלאָף...

יפו, פעברואַר 1979

*

רײַב איך אַ הײַפּעלע שײַן אין די דלאָניעס —
גאָרנישט פֿאַרבלײַבט!
גאָרנישט פֿאַרבלײַבט!

פּײַניקט מיך ספק: וואָס האָב איך צעריבן?
אפשר די צײַט?
אפשר די צײַט?

טו איך אַ גלעט מיט די פֿינגער די שלייפֿן —
פֿון אָדער דעם שלאָג,
פֿון אָדער דעם שלאָג.

קוק איך אין שפּיגל, געפֿין אין די פּאות
פֿעדעמלעך טאָג,
פֿעדעמלעך טאָג...

ווילנע, סעפּטעמבער 1965

# אַ נאַריש מעשׂהלע

אין פֿרעמדן ערגעץ-ווּ — פֿון אַלע ערטער ווײַט,
אין אַ פֿאַרוואָרפֿענער פֿאַרהוילענער מדינה
באַגעגנט האָבן זיך צוויי סתּירהדיקע שטיקלעך צײַט —
אַ ווײַסע ווינטער-שעה, אַ זומער-שעה אַ גרינע.

געוואָרן איז אױ קאַלט, אױ וואַרעם אינעם ווײַטן קאַנט
און צווייזק שײַן איז מיט אַ מאָל דאָרט אַלץ געוואָרן.
געשטראַלט, געלויכטן האָט דער זאַלבענאַנד-ווידעראַנאַנד,
אַז ס'האָט די זון אַליין זיך אַזש פֿאַרלאָרן:

גענומען האָט זי אומוואָגלעך אַרויף, אַראָפּ —
אָט אויף איר ווינטערהייך, אָט אויף איר זומערהייך פֿאַרקראָכן.
פֿאַרדרייט האָט זיך דער זון איר פֿײַערדיקער קאָפּ,
געלאָפֿן איז זי און די שטראַלן-פֿינגער זיך געבראָכן...

אין ערגעצלאַנד, אין זומער-ווינטערדיקן ערגעצלאַנד
אַ ניכטערע גענזעצטע זון געוואָרן איז צעטומלט.
אין ערגעצלאַנד, אין שײנעם אויסגעלויבטן הער-גאָטס-לאַנד
געשען איז עס אין אַ צערודערטן אַנומלט...

ווילנע, מאַרץ 1967

# הי־געוואָרענער ניט־הי

## דיכטונג

ווי שיפּעלער לאָז דײַנע ווערטער
אַוועק מיטן שטראָם פונעם ריטעם,
בײַט הונדערטער מאָל זיי די ערטער
און צווייפל צי האָסט ניט פאַרביטן...

רײַס זיי פון צונג אָפּ, ווי פּיאַווקעס
וואָס האָבן דאָס בלוט דיר געזויגן.
וואַרף זיי ווי שיכּורע דוּקאַס
דער ניכטערער וואָר אין די אויגן.

מעגן זיך צאַפּלען די זאַצן
אַזוי ווי צעשניטענע שלאַנגען,
מעגן ווי קנאָספּן זיי פּלאַצן
און שווער זײַן ווי צײַטיקע זאַנגען,

גיב זיי די פרײַהייט געגאַרטע
נאָך דעם ווי דו האָסט זיי געבונדן.
האַרטע שמיד איבער אין צאַרטע,
דערמיט, וואָס פאַרוואונדיקסט, היילן וואונדן...

ווילנע, אַפּריל 1966

★

ס׳האָט פּלוצעם ווידער אַ מאָל מיך אַ טראָג געטאָן מײַן ערשטער טראָט,
און איך אַוועק בין גיין אַ שליחות וואָס איך קען עס ניט פֿאַרלײַדן.
אַ שקרן האָט מיר צוגעשאַרט זײַן נײַעם פֿאַלשן גאָט,
און מיר האָבן געפּעלט סײַ אײַנפֿאַל און סײַ כּוח אים צו מײַדן.

האָב איך געפּלאַטערט קעגן אים און זיך געבוקט
(אַ מאַריאָנעטקע וואָס מע ציט זי פֿאַרן שטריקל),
צעטראָגן-אומבאַהאָלפֿן אַרום זיך געקוקט,
ניט מיטן אויג בלויז, מיטן גאַנצן לײַב צו אים געשיקלט...

ווי לאַנג? ווי לאַנג נאָך וועל איך נאָכשלעפּן זיך נאָך אַ פֿרעמדן טרוים
און ניט געדענקען דאָס וואָס דאַרף אַ לער מיר ווערן?
ווען נאַכט איז לויג, ווען טאָג איז שוים,
וואָס טויג דאָס זשעדנע חֵשקן זיי צו פֿאַרמערן?

און ווי געשעט עס, וואָס איך בין נאָך אַלץ דער לײַכטגלייביקער כניאָק
וואָס איז ביז צו דעם טאָג דעם הײַנטיקן נאָך ניט דערגאַנגען,
אַז דער וואָס טוט אַרויף זײַן אמת אויף אַ וועגנטקע-האָק,
האָט דאָך דערמיט זיך גופא אויפֿן האָק געפֿאַנגען?...

יפו, אויגוסט 1979

## יענער וואָלקן...

יענער וואָלקן, וואָס איך האָב זיך איצט אין אים דערמאָנט,
האָט געהאַט שוין אַלע זײַנע דונערן אַרויסגעדונערט,
נאָר צי האָט עס געבן פרייד געקאָנט,
אַז עס איז געווען דאָך אויך שוין אָפּגעזומערט,

און ס'איז שוין קיין חילוק ניט געווען:
מיט אַ דונער ווייניקער צי מערער —
אַזאַ צײַט, ווען מיט אַ מאָל מען זיך דערפילט,
ווי מע זײַן וואָלט קעגן אַלץ וואָס רעכט איז אַ פאַרשווערער,

און מע זיצט אַנטמוטיקט און פאַרשטאַרט,
ווי די קראַנקע שוואַלב, וואָס איז אַליין אין ווינטערלאַנד פאַרבליבן,
און אַנשטאָט אַמאָליקער צעפלאַקערטער אַלצדאַרפיקייט
איז געקומען טשאַד פון אומצופרידנקייט און איבל.

יענער וואָלקן, וואָס האָט דעמאָלט מיך לגמרי ניט געאַרט,
האָט איצט פלוצעם אָנגעהויבן מײַן זכּרון פּלאָגן
און האָט מיר מיט רישעותדיקסטער שאָדנפרייד דערמאָנט,
אַז די צוועלפטע שעה איז ניט מחויבֿ פונקט אום צוועלף צו שלאָגן...

תּל־אָביב, אַפּריל 1980

★

סע טרעפט, אין עפּעלע כאַפּט זיך אַרײַן אַ װאָרעם נאָגן,
און דו, ניט װיסנדיק דאָס, מאַכסט אויף אים פּרום שהחיינו.
װי קענסטו אַזאַ ברכה דורכגעפּרעסענע פֿאַרטראָגן,
דו — דער װאָס האָט דאָס רעכט צו גאָט צו זאָגן: אַתּה בחרתּנו?

מײנסט, דאָס איז נוקם זיך אין אונדז די זינד פֿון חװהן אונדזער מוטער,
דעם טאַטע-אָדמס מיטגעניסן פֿון דער ניט-דערלויבטער פּרי?
און מהמות לײַכטזיניקייט פֿויל-באַקװעמער און באַרוטער
פֿאַרגעסן מיר, אַז ס'קען ניט בלײַבן אומבאַשטראָפֿט אַזאַ עבֿירה?

נײן, ס'איז ניט שטראָף. באַנעם דאָס קלאַפּן ניכטערע פֿון לעבנס דופּק:
פּונקט װי דער מענטש געניסן טאָר, סע טאָרן אויך די װערעם!
װאָלסט שוין געדאַרפֿט אַנטװײנען זיך פֿון זען אַלץ אויבנאויפֿיק
און מיט אַ שטאָלצער פּשרהדיקייט דער נאַטור געטרײַשאַפֿט שװערן.

תּל-אָבֿיבֿ, אויגוסט 1980

*

האָב איך זיך פאַרטשעפּעט אין מײַן לײַטישקייט,
זי אַוועקגעבריקעט, ווי מע טוט עס מיט אַ שטרויכלשטיין,
און דערלאָזט מײַן האַרץ זאָל נעמען וואַנדרעווען
אויפן קרומען אומוועג פון דער איביקייט.

האָבן נאָכגעבילט מיר סטײַעס אינו-ניראה-הינט:
„כּ-בוד! כּ-בוד! כּ-בוד! כּ-בוד אים!"
און אַ וואַטענע לבֿנה אַ צופרידענע
האָט אַוועקגעאײַלט די שטערן אָנזאָגן,
אַז עס איז, אַ פּנים, נאָך אַזאַ פאַראַן
וואָס באַווײַזן וועט דער זון איר נישטיקייט...

האָב איך זיך דערזען, אַז כ'בין אַרײַנגעכאַפּט
אין דער פאַנגנעץ פון אַ ברודנעם קינאה-וועט,
און איך בין געפאַלן כּורעים פאַר מײַן לײַטישקייט
דער אַוועקגעבריקעטער, שוין האַלב-צעטראָטענער:
זײַ מיר מוחל, אַזוי טיף באַליידיקטע,
זײַ דאָך מוחל דעם וואָס זאָגט דער צײַטווײַליקייט „הרי את"!

יפו, 1979

# בין־השמשות־ליד

אָ דאָס ליד, וואָס איז צום בין-השמשות רק געווענדט,
וואָס, ווי קורץ סע זאָל ניט זײַן, איז עס זאַיאַדלע לאַנג,
אָט דאָס ליד, וואָס אין דער רגע ווען מען עס דערקענט,
ווערט מען אָן דעם שטאָלצן פּלי פֿונעם געדאַנק!

ווער האָט אָנגעהויבן, ווער וועט ענדיקן דאָס ליד,
וואָס איז אָנגעפּילט מיט פֿוילן בלעטערפֿאַל-געפּלי?
ווער וועט אויסברענען פֿונעם פֿאַרווילדפּליישטן געמיט
דאָס זאַיִקען זיך פֿון אַ שווין עובֿר-בטלדיקער גריל?

גרויע טענער, גרויע פֿויזעס, גרוי געמיט.
ייִנגסטן פּנים, דאַכט זיך, קליידן וואָלט אַ גרויע באָרד...
זוך איך ווערטער, וואָס זיי פּאַסן זאָלן צו דעם ליד,
קומט מיר אויפֿן זינען איין-און-איינציק וואָרט:

לעפּיש!...

ווילנע, נאָוועמבער 1970

## אַש...

ווען ס'ברענט אויס אין האַרץ דער ווייטיק,
ווו פֿאַרבלײַבט דאָס אַש?
אַש פֿון קראָפּעווע צי קווייטן,
אַלע אַשן — אַש...

מעג זײַן, ס'צוימען אונדז פּעטישן,
זאַבאָבאָנע בינדט;
אָבער אַש מיט אַש צעמישן
איז דאָך פּאָרט אַ זינד...

צײַט און ווינט דאָס אַש צעוויִיען, —
ווײַס דאָס אַש צי שוואַרץ, —
ווען עס ברענען אויס די ווייען,
וואָס בלײַבט אינעם האַרץ?

ווילנע, מאַרץ 1965

*

אויסגעבלייכטע זריחות און פֿאַרגרויטע שקיעות,
קופּקעס אַש — עס ליגן מײַנע שענסטע טרוימען...

זאָג, קאָלירטער פֿויגל, וואָס אין רײַכער שטײַג זיצסט,
וואָסער מין פֿון קערנער איז דער סאַמע זיסטער?

ענטפֿערט ניט דער פֿויגל, נאָר זײַן שנאָבל ציט זיך
צו אַ בידנעם יאָדער, וואָס אין שטויב זיך וואַלגערט —
אינעם שטויב, אויף יענער זײַט פֿון שטײַג.

תּל־אָביב, אַפּריל 1980

★

רעבטס : אַ בוים אַ הוילער,
לינקס : אַן אויסגעהוילטער בוים.
ביידע — אָן שום בלעטל
אויף געצווײַג און קרוין.

ס'איז אַזוי פֿאַרשיידן
זייער חיות-גרין אַוועק.
איינעם קומט נאָך לעבן,
און דעם צווייטן — נאָר אַ זעג.

שטאַרט דער בוים דער הוילער,
שטאַרט דער אויסגעהוילטער בוים.
ערשטן היילן טרוימען,
צווייטן איז מבֿזה טרוים...

ווילנע, נאָוועמבער 1969

★

איז געקומען אַ שאָטן
אין אַ וועלט וואָס איז פרעמד,
האָט אים טעמפקייט געטראָטן
און געמיינהייט געשענדט.

ער געווען איז אַ מורד —
קעגן זון זיך געשטעלט,
ליגט ער איצטער אַ יורד —
פון אַן אָפּטריט פאַרשטעלט.

וויי, ווי בייז עס מײַדט אויס אים
די באַלײדיקטע זון.
ער איז גאָרנישט מער אויסן.
ווערט ער שוואַרצער דערפון...

ווילנע, יאַנואַר 1968

# באַלווינונג

כ׳ווייס אַז מענטשן האָבן פֿײַנט דעם ווינט
און האָבן ליב די שטראַלן.
אָבער אויך דעם ווינט איז קאַלט
און ער דערוואַרעמען זיך איז אַ בעלן.
עפֿן אים אַ פֿענצטער,
עפֿן אים אַ פֿענצטער.
ס׳מוז ניט זײַן אַ היים פֿאַרמאַכט!

כ׳ווייס אַז הײַזער
האָבן טירן, ריגלען, שלעסער,
און, אַן אָפּגעזונדערטע,
עס פֿילט די רויִקייט זיך זיכערער און בעסער.
און פֿונדעסטוועגן פֿאַרשפּאַר די הינט.
שליס אויף דײַן טיר, פֿראַל אויף דײַן פֿענצטער!

זעסט שוין: ס׳האָט דער קאַלטסטער ווינט
די פֿרישסטע לופֿט געבראַכט.

ווילנע, אָקטאָבער 1967

★

נאָך צען מאָל יאָ קומט איין מאָל ניין,
און אַלץ ווערט רוצחיש אָפּגעווישט.
דאָס אומפאַרמײַדלעכע פאַרגיין
איז דאָך דער איינציקער געוויס.

ניטאָ קיין תּרופה קעגן דעם,
אַחוץ עס נאָכגיביק פאַרשטיין...
אַ צופעליקע יאָען צען,
אַ רישעותדיק באַשערטער ניין!

ווילנע, אויגוסט 1970

## „מאָמענט־מוזיקאַל"

זע, די דעכער ציטערן,
ס'וויגן זיך די שוועלן.
דורך אַ נעפּל שיטערן
שיטן זיך קאַרעלן...

פונקט אָט דאָס, וואָס האָט געפעלט,
איז אַצינד געקומען.
זאָל געבענטשט זײַן אַזאַ וועלט,
וואָס זשאָנגלירט מיט זונען !...

ווילנע, סעפּטעמבער 1961

## זונאויפגאַנג

אויף די רויזן פינקלט טוי,
אויף די דערנער בלינצלט ער —
ס׳קוקן האָפערדיק אַזוי
אייגעלער געקינצלטע;
און פון ים: אַ רויטע ראָד
טויכט אַרויס אַ מעבטיקע.
ווערט צו נישט דער אומקום-סוד
פון דער שקיעה נעבטיקער!

ווילנע, אַפּריל 1960

## קנאָספּן

און ווידער הייבט זיך אָן אַלץ פון דאָס נײַ!
ניין, ניט אויף ס'נײַ —
סע הייבט זיך אָן צום ערשטן מאָל.
ווײַל ווער עס ווייסט, אַז ס'איז פ ו ן  ס ' נ ײַ,
דער האָט דאָך שוין אַמאָל געזען אַ סוף,
איז ער שוין אַלט
און ניט קיין מבֿין מער אויף קנאָספּן...

ווילנע, אַפּריל 1964

# פֿאַל...

אויב דער בלאַט האָט שוין זיך אָפּגעריסן פֿון דער צווײַג,
טאָ צו וואָס באַדאַרף ער נאָך אין לופֿט זיך דרייען?

פֿאַלצײַט איז במילא ניט קיין צײַט,
און ניטאָ איז וואָס מיט אַ פֿאַרלענגערן זי זיך צו פֿרייען.

פֿליִען סתּם — געשלײַדערט פֿונעם ווינט,
און דערפֿאַר פֿאַרטראָגן ווערן ווײַט פֿון שטאַם און וואָרצלען?

ווייַ צום פֿלי, וואָס ער דעם פֿאַל באַדינט!
פֿאַל און פֿלי — דאָס גרויליקסטע געפּאָרט זײַן.

ווילנע, פֿעברואַר 1964

## אויף יענער זײַט צוים

סע האָט זיך מיר געחלומט, כ׳זע אַ חלום,
זיך אָפּגעריסן פֿון אַ וואָר, וואָס איז אַליין בלויז טרוים.
געמוזט כ׳האָב מיטן טײַערסטן באַצאָלן
פֿאַר מײַן אַריבערקלעטערן אַ צוים הינטערן צוים:

פֿאַרלאָרן כ׳האָב דאָס גליק פֿון קענען שטוינען,
געוואָרן איז מיר אַלצדינג איבערמאָסיק קלאָר.
גענומען חוזקן כ׳האָב פֿון דער פֿאַרביקייט פֿון טרוימען,
מיט ביטול קוקן אויף דער גרויקייט פֿון דער וואָר...

ווילנע, אַפּריל 1964

## וואַנדערליד

אויפֿן ראַנד פֿון יאָ און ניין,
סתּם אַזוי און דווקא,
האָב איך ליב זיך לאָזן גיין
צווישן הינט-געהאַווקע...

מיינסט, דאָס שמעקט אַזוי דאָס היי?
ניין, דאָס שמעקט דאָס לעבן!
גיי איך מיר און גיי, און גיי,
און בלײַב רק דערנעבן...

ווער בין איך? פֿון וואַנעט כ'קום?
וואָס איז עס דיר וויכטיק?
כ'גיי, ווי דו, אונטער דער זון,
כ'פֿריי זיך, וואָס ס'איז ליכטיק.

כ'זע אַ שליחות אין מײַן גאַנג,
אין מײַן טראָט — דעם אמת.
כ'טרוים, מײַן פֿריידיק העל געזאַנג
ווערן זאָל אויך יענעמס...

אויפֿן ראַנד פֿון יאָ און ניין,
סתּם אַזוי און דווקא,
האָב איך ליב זיך לאָזן גיין
צווישן הינט-געהאַווקע.

קורץ איז ער, דער לאַנגער וועג,
לאַנג איז ער, דער קורצער.
טאָטשען, נאָגן וואָגלטעג —
אומרו-צער טײַטשט אור-צער!

ווילנע, יוני 1961

## היים

רוף מיך ניט, איך וועל ניט גיין.
ווּעמענס ווערן וואָלט מײַן היים?
און דער דעמב, וואָס בײַ מײַן טיר,
וואָס וועט זײַן מיט אים און מיר?

רוף מיך ניט. די ווײַט איז פרעמד.
ס׳איז די היים דעם לעבנס העמד;
און מײַן זעל, איר ניט געפעלט
וואָגלען נאַקעט דורך דער וועלט.

רוף מיך ניט. איך וועל ניט גיין,
וואַרף ניט אין מײַן האַרץ אַ שטיין!

ווילנע, מאַרץ 1960

*

פאַרשוואַרצט — די דאַבלקעס, צעקרימט — די ווענט;
און דאָך האָב איך דאָס הויז דערקענט!...

ווער? — ו ו ע ר קוקט עס פון דאָרט אַרויס?
איך ווייס, נאָר כ'זאָג עס מיר ניט אויס;
ווען דעם גאַרדין כ'זאָל טאָן אַ ריס
און ווײַזן ווער אַזאַ דאָרט איז,
וואָלט אוממעגלעך זײַן צו פאַרשטיין,
ווי קום איך דאָ — אין דרויסן — שטיין...

און ווי גאָר איז עס מעגלעך שטיין
צעצווייט און צווייפאַביק-אַליין?

ווילנע, אָקטאָבער 1970

## אין אַ שמאָל געסל...

שמאָל דאָס געסעלע, ווי איך שפּאַציר,
שמאָל איז עס;
און די לאַווע, וואָס איך טרעט אויף איר,
שמעלער איז.

עפּעס איז דאָ מאָדנע ענג אַלץ —
בלויז קוים-קוים,
און אַרום: די וועלט אַ גרויסע —
ברייט, גערוים...

וואָס זשע האָב איך צוגעשנאַלט זיך
צו אַ הויז?
מוז אַ מענטשנקינד זיך טוליען
אין אַ ציגלשויס?

דוכט, מען איז דעם גאַנג פֿון לעבן
מער געטריי,
ווען מע ווירעוועט מרחקים
פֿויגל-פֿריי.

תּל-אָביב, יולי 1980

✶

צזען קוימענס זיך צום הימל
און באַשפּײַען אים מיט רויך.
זײַנען רינשטאָקן מקנא:
„אָט אַ שפּײַען זיי עס הויך!"

און די טראַטואַרן הערן,
גליווערדיקער זיך פאַרטײַען —
ווילן גרויער באָדן זײַן.
איידער לעבן פון באַשפּײַען,
בעסער שוין באַשפּיגן ווערן,
ליבערשט שוין באַטראָטן זײַן!

ווילנע, יאַנואַר 1969

## קונסטבילד

ס׳איז דער מאָלער לאַנג ניטאָ שוין,
אָנגעמאָלטער — נאָר אַ משל;

און אַ שטיקל לײַוונט לעבט,
אַרום זיך אַ שטימונג וועבט...

ווער — דער פלעק, אָדער דער שטריך —
טראָגן אייביקייט אין זיך?

ניין, זי קומט פון גרויסן בונד —
הערצער צוויי מיט אַ בשותּפותדיקער וווּנד.

ווילנע, 1958

## ביַי אַ פּאָרטרעט

דער מאָלער האָט געטראַכט:
„מיַין זוכן ענלעכקייט געצוימט האָט מיַין התלהבֿות".
געווען ס׳איז ניט צופרידן דער מאָדעל:
„ניט איך בין דאָס, ניט איך!"
און צווישןביידע ערגערנישן
אַרומגעשמיַיעט האָט דער פּענדזל
און יעדע וויַילע צוגעשמירט
אַ רק נאָך פעלנדיקן שטריך...

צוויי סתּירהדיקע ווילנס
האָבן זיך צונויפגעשטויסן:
ס׳אַרויסבאַקומען דאָס פאַרהוילענע,
דאָס פּנים אייגענע פאַראייביקט זען;
און צווישן זיי: אַן אומרויִקער פּענדזל
פאַרריכט האָט רק
אָט מיט באַדאַכטן קוים-זיך-צורירן
און אָט מיט ברען...

ווען האָט עס אויפגעהערט?
ווען איז געוואָרן עס פאַרענדיקט?
ווי לאַנג האָט עס געערגערט יעדערן פון זיי?
נאָר דאָס אַ טאָפּל-ערגערניש
שוועבט אום נאָך היַינט אַרום דעם ליַיוונט
און עס באַלעבט די טריבע טויטקייט פון מוזיי...

ווילנע, נאָוועמבער 1969

# אַ געמעל פון אַ פּאַרייִזאָושטן

אַ וואָגן אויף איין אַקס,
אַ קופּע שאַרפע שטיינער,
אַ קראַנקער אַלטער הונט,
צוויי אויסגעקרימטע ביימער.

אַ שטריך, אַ שטריך, אַ פלעק —
צעפלאָסן און געראונצלט.
אַ וואָלקן, ווי אַ קראָ,
זײַן שנאָבל אין דער זון צילט...

ווילנע, יוני 1968

## פעגאַסאָס

ניט-ערדיש פערד,
וואָס האָסט פיר פיס און פליגל צוויי,
וואָס טרינקסט באַגײַסטערונג
און כראָמטשעסט שטערן אַנשטאָט היי,

טראָגסט אום זיך שטורעמדיק —
אָט מיט גאַלאָפּ, אָט מיט געפלי
איבערן רחבֿותדיקן מלכות
פון אַ הי-געוואָרענעם ניט-הי.

דו יאָגסט און יאָגסט —
מיט קאָפּעטעס און פליגל די מרחקים רײַסט,
בפּיוונדיקע פעלשונגען
פּאַראַמתטע באַווײַזסט...

פלי, פלי, העל פערד,
דעם לעבנס זלידנע גרויקייט פליק,
מיט אָנגעווייעטע יום-טובֿים
אונדז דערקוויק,

סע זאָלן שטראַלנדיקע אויפגיין
בילד נאָך בילד,
און מיר זאָלן ניט וויסן
ווו עס איז געלעבט, ווו זיך געשפּילט...

---

סע יאָגט דאָס פערד —
עס פליט און הירזשעט פון התפּעלות ווילד,

מיט עק צעפּאָבעטן
מאָלט ווונדערבילד נאָך ווונדערבילד,

ביז פּלוצעם:
אַ זיך וואַרפנדיקער שאַרפער בליץ
גיט ווי אַ פּײַערבײַטש
איבערן רוקן אים אַ שמיץ,

און ווי אַ לייצע
טוט אַ צי אַ קאַלטער שקיעה-שטראַל —
צווינגט לויפן אָפּרוען
אין פערדנשטאַל...

ווילנע, דעצעמבער 1969

## קענטאַוראָס

איך בין אַ וואָר געקניפּט מיט סוד,
און פון אַ מין וואָס איז ניטאָ גאָר.
מײַן קאָפּ פאַררײַס איך רק צו גאָט
און כ'דריגע, בריקע ווי אַן אָגער...

וואָס טויג אַ מענטש — נאָר קאָפּ און ברוסט?
וואָס טויג אַ פערד — נאָר לײַב און טלאָען?
האָט דער באַשאַפער דען געמוזט
זיך לאָזן אויף אַזאַ שגעון?

איך בין באַריטענער, צי כ'רײַט?
ניין, כ'בין בלויז העלפטן פון די ביידע!
און יעדע העלפט איז אַ פאַרבײַט,
אי אַ געפינס, אי אַן אַבֿדה.

איך פּאַס אין שטוב און פּאַס אין שטאַל,
דאָך דאָ און דאָרט קאַפּויער כ'פיר זיך:
ווי בלויז צוויי פיס כ'וואָלט האָבן, כ'פּאַל,
ווי ס'וואָלט מײַן קאָפּ זײַן פערדיש כ'הירזשע...

ווערט קליאַטשיש בייז מײַן פערדנטייל,
באַפאַלט די מענטשהעלפט, וואָס אין מיר איז:
„דו האָסט פאַרדאָרבן, נעם זשע הייל!
אַלץ וואָס אונדז קוועלט איצט — צוליב דיר איז!

דײַן לײַכטזיניקײט האָט באַשערט —
דײַן דולער טרױם האָט אונדז געבאָרן.
װי פּאַלט עס אײַן דיר: מענטש און פערד
גאָר אין אײן גוף צונױפצופאָרן?

אױף פאַרן דמיון גילט פאַרבאָט,
מע מוז באַדאַכט זײַן, בעת מע טוט װאָס!
דו האָסט באַשאַפן, מעשׂה גאָט,
און מיט אַ פערד אַרײַן אין שותפות"...

װילנע, סעפּטעמבער 1966

# בײַם עץ־הדעת

✶

זינג צו מיר דאָס לויבגעזאַנג —
דאָס העלסטע אויף דער ערד,
דאָס סאַמע סאַמע הויפּטגעזאַנג:
„דעם נאָמען מענטש ביסט ווערט!".

אַל דאָס איבעריקע איז
זײפנבלאָז נאָך זײפנבלאָז,
דורכגעצווייפלטער געוויס,
אומפּאַרענטפערטער צוואָס.

יאָ, דאָס לעבן פּשוט איז —
פּשוט מיסטעריעז!
מידע, צעפּאָלאָשעטע
יאָגט מען זיך נאָך נס...

תל־אָביב, יוני 1980

✶

ווײ, ווי קורץ עס איז דער טאָג פון פרייד,
און ווי לאַנג דער טאָג פון אומעט!

זאָג מיר ניט: זיי זײַנען גלײַך.
כ׳וויל ניט, סע זאָל אויסקומען זיי איבערמעסטן...

גערן זאָג איך אָפּ זיך פון געניסן גליק,
אויב דורך דעם קען עמעץ מײַדן אומגליק.

ניין, איך טאַנץ ניט קיין מה-יפית דיר,
ווילד-קאַפּריזנער פּריץ — לעבן!

תל-אָביב, מײַ 1980

## שוועסטער כוואַליע

שוועסטער כוואַליע, — צײַטוויַליק און אומרויִק ווי איך, —
אַזאַ מוטיקע דו גייסט דײַן קורצן גאַנג,
פילנדיק די גרויסע אומענדלעכקייט הינטער זיך,
ברויזיק טראַגנדיק אין זיך דעם ים׳ס פאַרלאַנג.

סאַראַ רוישיקייט אין אויפגיין דײַנעם צו דער הייך,
אינעם פאַלן — סאַראַ פלאַצן, סאַראַ שוים.
קוים איין פיצעלע פּאַ ר ו י ס דו האָסט דערגרייכט,
שוין זיך אָנגעשטויסן אינעם גורל׳ס צוים...

שוועסטער כוואַליע, ביסט פאַרשוווּנדן, פונקט ווי ניט געווען,
און אַ צווייטע זע איך קומען אַנשטאָט דיר.
עמעץ קוקט אויף מיר, אַזוי ווי דיך ער נעמט מיך זען,
עמעץ טראַכט געוויס, אַז אומזיניק עס איז מײַן פיר...

שוועסטער כוואַליע, אין ד י ַי ן וואַסער, אין מ יַ י ן בלוט
שטעקט די גרויסקייט וואָס אַ קלייניקייט מע טוט.

ריגע־דובולטי, סעפטעמבער 1956

## לאָמיר זיך שפּילן...

לאָמיר זיך שפּילן אין לעבנספּרייד —
די קליגסטע און נאַרישסטע שפּיל.

געזוכט און געפונען;
געפונען, פאַרלאָרן,
און ווידער געזוכט.
געלאָשן דעם גומען,
געזעטיקט געוואָרן,
און נאָך ניט פאַרזוכט...

לאָמיר זיך שפּילן אין לעבנספּרייד —
די ליבסטע און נייטיקסטע שפּיל.

אַ ראָזער פּרימאָרגן,
אַ בלוילעבער אָוונט —
און אויס איז דער טאָג.
אַ טאָרבע מיט זאָרגן,
אַ מעסטעלע האָפן,
און ס'צאַפּלט די וואָג...

לאָמיר זיך שפּילן אין לעבנספּרייד,
און לאָמיר אין איר — אין דער שפּיל —
געשמידט אין געבאָטן,
אָן קייטן פאַרבלײַבן,
אויף וויפל אין אונדז ס'איז געווענדט.

די פּאַסטקעס פֿון שׂטן
אויף שטויבן צערײַבן
און בלײַבן מיט זויבערע הענט.

לאָמיר זיך שפּילן אין לעבנספּרייד,
פֿאַרגעסן, אַז ס'איז נאָר אַ שפּיל!

ווילנע, אַפּריל 1966

## פאַנטאַזיע

שפּרײַז איך איבער שטײַנער פונעם ברוק
און איך טראַכט: איך טרעט אויף שטערן.
ס'איז געוויס געווען פון מיר ניט קלוג
ביז איצט קיין מאָל ניט אַזוי צו קלערן...

אײַ זיי שײַנען גאָר ניט, אײַ זיי זײַנען גרוי?
סאַראַ חילוק? שטערן בלײַבן שטערן!
איז עס אומגעפער נאָר, אָדער פּונקט אַזוי?
איבעריק איז וועגן דעם זיך צו פאַרקלערן.

טרעט איך אויף די שטערן און זע קלאָר:
אויבן בלינצלען אַנגעגליטע שטײַנער.
מישן דורך זיך פאַרשטעלונג מיט וואָר —
שטערן-שטײַן מיט שטײַן-שטערן אין איינעם...

וווּ איז דאָ דער הימל, וווּ די ערד?
ווער פון זיי איז וואָר, ווער איבערקרימונג,
אויב ס'איז מעגלעך, מע דערזען זאָל אַלץ פאַרקערט,
ווען סע צינדט די בלוטן אָן אַ שטימונג?

בייג איך אײַן זיך, רײַס אַרויס אַ שטערן פונעם ברוק,
וויל אים וואַרפן אין די אויבנדיקע שטײַנער.
טוט מײַן האַנט מיט ווידערשפּעניקייט אַ צוק:
ס'איז אַ זינד מיט שטערן צו פאַרשטײַנען...

שפּרײַז איך ווײַטער איבער שטערן אויף דער ערד,
טו אויף שטײַנער פונעם הימל זיך פאַרקוקן.
זייער מעגלעך, אַז איך זע איצט אַלץ פאַרקערט;
כ'טרעט אָבער דערפאַר אויף ב י י ד ע ברוקן...

ווילנע, אַפּריל 1963

## פיאַניסימאָ

הערסטו ניט, ווי ס'זינגט די שטילקייט ?
ווייסטו ניט דאָס ריינסטע זינגען.
פול מיט ברכה זײַנען טענער
וואָס מיט רויִקייט באַצווינגען.

ווײַל דעם קול, וואָס פּײַנט האָט שרײַען
און האָט ליב דאָס קוים-קוים וואָרקען !
זײַן באַהאַרצטע דממה דקה
אויפרײַסן די האַרטסטע וואָר קען...

ווילנע, יוני 1970

## ...און...

און ווער וועט ענטפערן פֿאַר אָט דעם שלעבטס,
וואָס איך געטאָן האָב ניט אומיסטן?
און ווער וועט מיר דערווייַזן, אַז אַ קרעכץ
קאָן זייַן אַן אויסקויף פֿאַר מייַן טעות וויסטן?

און... און... און... —

דער אייביקער חשבון-הנפש מאָנט,
און ס'ווערן נייַע ווייטיקדיקע אמתן געפֿונען.
און נאָך אַ מאָל, און ווידער אַ מאָל: און...
אַזש ביז צום סאַמע לעבנס האָריזאָנט
ווי קילאָמעטער-סלופּעס שטייען „און"ען...

ווילנע, יוני 1962

## די שפּיל אין ניס

— אום צי גראָד? אום צי גראָד?
שאַך, באַשייד — אַנטפּלעק דעם סוד.

— אום!... נו עפּן אויף די פּויסט —
דאָס פאַרהוילענע אַנטבלויז!

— ניין, ניט אום! ס'איז דווקא ג ר אָ ד.
אַלע ניס פאַרבלײַבן מײַנע.

— ווידער דײַנע? ווידער דײַנע?

— קוק אויף מיר ניט אַזוי קרום!
ג ר אָ ד איז חשובֿער פון א ו ם.
א ו ם איז אומרו, א ו ם איז אומעט,
יעדער א ו ם דעם עלנט-מום האָט —
ס'איז דער איינס דאָך נאָר איין העלפט,
וואָס אַ צווייטע העלפט אים העלפט.
א ו ם בלײַבט רק אויף גאָטס באַראָט,
און אין ג ר אָ ד, אינעם ג ר אָ ד
שטעקט די גרויסע צווייבונד-גנאָד.

ווילנע, יוני 1969

## נאַטור

איך צי אַרײַן אין זיך דעם ריח פֿון אַ בלום
און ס׳דוכט זיך מיר, כ׳וואָלט פֿול מיט אירע גלײַזקע קאָלירן.
מײַן איטלעך גליד, ווי עס וואָלט זײַן אַ האַרץ, נעמט שפּירן
דעם פּלוצעם מער ווי שטענדיק העל געוואָרענעם אַרום.

ווער האָט עס אויסגעטראַכט, אַז ס׳איז אײן לעבן פּאַרן צווייטן
טויב און שטום?
ווער לאָזט זיך פֿון דער ענגער אָפּגעזונדערטקייט פֿאַרפֿירן,
אַהינטער יעדן טראָט זײַנעם פֿאַרקלאַפּן טירן,
אַנשטאָט פֿון צווייטנס שלמות, קוועלן פֿון זײַן מום?

איך צי אַרײַן אין זיך דעם ריח פֿון אַ בלום
און לאָז זיך פֿון געבלי — דעם לעבנס וואָרסטער שײנקייט — פֿירן.
דאָס בלוט אין אַלע מײַנע אָדערן שרײַט: „קום!״.

„קום!״ רופֿן די געדאַנקען אין די אויפֿגערודערטע געהירן,
„קום גיין אַזוי, דו זאָלסט דעם וועג דעם אַלגעמײנעם ניט פֿאַרלירן.
דער וועג, וואָס איז פֿאַר אײן מענטש גלײַך, איז קרום!״.

ווילנע, פֿעברואַר 1948

## קאָרנשניט

שניטערס שנײַדן קאָרן,
קאָסע זינגט אַ ליד:
„תּבֿואה איז געוואָרן
צײַטיק פֿאַרן שניט".

פֿולע זאַנגען פֿאַלן,
גרייט צו ווערן ברויט.
לעבן ווערט פֿאַרפֿאַלן —
זאַנגען ליגן טויט.

פֿון דעם טויט וועט שפּעטער
אויפֿקומען אַ ברויט
און פֿאַרטרײַבן וועט ער
מורא פֿאַרן טויט.

בלױען װעלן לעבן,
זאַטקייט און די פֿרייד;
קאָסע און דאָס לעבן
גייען זאַלבעצווייט.

שניטערס שנײַדן קאָרן,
קאָסע זינגט אַ ליד:
„טויט ווערט אויך געבאָרן,
זײַן געבורט איז שניט.

ער וועט אָבער שטאַרבן,
לעבן קומט נאָך טויט.
עדות זײַנען גאַרבן
וואָס זיי ווערן ברויט!".

קאָוונע, 1935

## צו אַ ווינט אין קוימען

יעדן ווייגענדיקן מעגלעך איז צו זען;
דיך מע זעט ניט, דאָך מע הערט געוויין.
זײַענדיק נאָר, ביסט שוין אַ געווען,
פֿאַר דײַן אָנקום פֿײַפֿט שוין דײַן פֿאַרגיין.

ווער ביסטו, וואָס אײַלסטו און וווּהין?
ענטפֿערסט, דאָך דעם ענטפֿער טראָגט אַוועק.
זעסט זיך ניט, ווײַל דו ביסט שרעקלעך דין.
שרעקלעך דין דו שפּינסט אַ דינע שרעק...

ווילנע, מײַ 1957

## געשיכטע

ווִיפֿל אמתן ליגן צעטראָטן
אויף איין פּלאַטע פֿון אַ גרויען טראָטואַר?...

ווִיפֿל האָפֿענונגען מיינען אַז זיי האָבן פֿליגל,
פֿאַלן זיי אַראָפּ דערפֿאַר?...

ווִיפֿל זונען האָבן ניט דערוואַרעמט,
ווײַל מע ט׳זיך באַהאַלטן, טאָמער שלאָגט אַרויס אַ שווייס?...

ווִיפֿל ליגנס קענען זיך פֿאַרטײַען אין איין שאָטן,
מעג ער זײַן אַן אַרבעסל די גרייס?...

ווילנע, נאָוועמבער 1963

*

אויב דו וועסט אַרויסלאָזן דאָס פייגעלע פון שטײַגל,
וועט ניט הייסן, ס'איז דאָס שטײַגל פּוסט.
ס'וועט די פרײַהייט צוזעצן זיך ערגעץ אויף אַ צווײַגל
און זי אָטעמען וועט אין דײַן ברוסט.

זאָל דאָס טירל — אויפגעריסן — אויפן ווינט זיך וויגן.
ריגל איז אַ מערדעריש געצײַג!
און געזאַנג, וואָס קומט פון אַ געפענקעניש, איז ליגן,
אָן אַ ווערט איז פאַרביקייט אין שטײַג.

ווילנע, מאַרץ 1964

## פרייד און אומעט

— צי איז טאַקע די פריילעכקייט אַ גליק,
די אומעטיקייט — אומגליק?

— ניין-ניין! זיי ביידע זײַנען דיר באַשערט,
און איטלעכע פון זיי איז גוט,
און יעדערע פון זיי איז שלעכט,
אויב דו — צו איר, ניט זי צו דיר געהערט.

ווילנע, אויגוסט 1957

*

זאָגסט, פֿאַרטרײַבן כ׳זאָל מײַן אומעט?
איז ער דאָך דער פֿאָן פֿאַר פֿרייד.
און צו וואָס בכלל גאָר טרײַבן
דאָס וואָס סײַ ווי סײַ פֿאַרגייט?

אינעם פּלאָנטער פֿון געמיטער,
אויף דער לויפֿבאַנד פֿון דער צײַט
ווערן אָן ווידעראַנאַנדן
זייער ערשטיקן באַטײַט,

און צוויי שפּירונגען די עקסטע
ליגן אויפֿן זעלבן קרײַז,
פּונקט אַזוי ווי ס׳זײַנען וואַסער
סײַ די פּאַרע, סײַ דאָס אײַז.

יפו, יולי 1978

*

די אָן-אַ-סיבהדיקע פרייד
געפלאַטערט האָט אַרום מײַן קאָפּ
און ניט געוואָלט, און ניט געוואָלט
אויף אים זיך זעצן.
און ווי געקענט האָט אַנדערש זײַן,
אויב מיר אַליין געווען איז קלאָר,
אַז כ׳בין פאַר איר צו כמורנע?!

האָב איך אַרויסגעוואָרפן פון מײַן האַרץ דעם חשד,
ווי ס׳וואַרפט אַ פייגל-מאַמע פון איר נעסט אַרויס
די עופעלער, וואָס זי האָט אויסגעבריט
פון צוגעוואָרפענע קוקאַווקע-אייער.
איז מײַן געמיט געוואָרן אַזוי גרינג,
אַז ס׳האָט זיך ווי אַ פּוכעלע אַ הייב געטאָן
און צו דער פרייד אַרויפגעשטיגן...

ווילנע, נאָוועמבער 1963

*

וואָס טוט מען מיט די פרייד-שעהען, אַז זיי אַנטלויפן
און דאָס דערמאָנען זיך אין זיי באַטײַט בטלנות?
דאָס בענקען פירט אַוועק אין וועלט פון זאַבאָבאָנעס
און צווינגט, מע זאָל זיך אין אַ טרייפן גלויבן טויפן.

נאָר איז דען שולדיק דער ניט-גלייביקער משומד
אַז ס'האָט די פרייד אים אַזוי אומגערעכט פאַרראַטן,
און צווישן פינגער פון זײַן האַנט, ווי צווישן קראַטן,
ער זעט די שײַן, ווי נאָטן-ליניעס פאַר זײַן אומעט.

וואָס טוט מען מיט די פרייד-שעהען, אַז זיי אַנטרינען,
און קעגן דעם איז ניט פאַראַן קיין מינדסטע תּרופה?
צי דאַרפן מיר די סיבה זוכן אין זיך גופא
און ממש גליקלעך זײַן וואָס מיר זי ניט געפינען?

תּל־אָביב, אָקטאָבער 1980

## „אַנטפּלעקונג“

אַוודאי, אַוודאי, אַוודאי
איז יעדער אַוודאי אַן אַגבֿ.
דער ריס בלײַבט אויך אונטער דער לאַטע,
ער ווערט אַ דאַנק איר נאָך מער תּקיף.

ניטאָ איז, ניטאָ איז, ניטאָ איז
קיין אמת וואָס זאָל ניט גענאַרן.
מיר זײַנען די ריטערס פון טעות,
און האַלטן, מיר זײַנען בונטאַרן...

אַוודאי, אַוודאי, אַוודאי
קען זײַן, אַז ס'איז אַלץ נאָר בראַוואַדע.

ווילנע, יוני 1967

*

און ווען ס'וואָלטן זײַן טאַקע גאָלדענע בערג,
צי וואָלטן זיי זײַן דעמאָלט גאָלדענע בערג?

זיי וואָלטן געווען דאָך געווייינלעך אַזוי,
ווי גרינקייט פון גראָזן, ווי הימלישער בלוי.

איז וואָס איז פון זוכן אַ זעלטענע זאַך,
אויב שרעקן זיך דאַרף מען, ניט זײַן ס'זאָל אַ סך,

אויב דאָס וואָס האָט אויסגעזען אָקערשט נאָך קנאַפּ,
ווערט צו פיל, ווי באַלד עס ווערט מער פון אַ קאַפּ?...

געטרוימט האָבן דורות פון גאָלדענע בערג,
געשיכטעס פון גאָלדענע רעגנס געהערט,

געשעצט נאָר די שפּע, געשפּעט פונעם קוים;
געוואָרן דער טרוים איז זײַן אייגענער צוים...

נאָר מיר זײַנען פריקרע די גאָלדענע בערג.
דאָס גאָלדענע פּעדעמל האָב איך באַמערקט —

דאָס אָדערל דינע וואָס אָנזען פאַרדינט,
נאָר דווקא דערפאַר וואָס עס איז אַזוי דין

און דווקא דערפאַר וואָס עס אומגעזען קריכט —
ווי בטל, פאַרלוירן אין האַמעטנעם שיכט...

ווען עמעצן אמתע פרייד איך פאַרגין,
איך ווינטש אים: דאָס פּעדעמל דינסטע געפין!

ווילנע, יוני 1960

## דער פּאַרצווייפלטער

גלויבן מײַנער — גלויבן
אין אַ גאָט וואָס אויבן
און דעם מענטש וואָס אונטן, —
שטאָט מיך צו באַטויבן
טוסטו גאָר באַרויבן,
רייצן מײַנע ווונדן...

בלײַב איך אָן אמונה,
וועלק ווי אַן עגונה
עלנט און פּאַרלאָזן,
צי דורך אַ שפּאַרונע
פון דער וועלט — מײַן קונע
טעג וואָס זײַנען חצותן.

תּל־אָביב, אויגוסט 1980

## צום גלײַכגילטיקן

ס'האָט דער גלײַכגילט, ווי אַ פּלאַכטע,
דײַן נשמה אײַנגעהילט,
און געוואָרן ביסט אַזעלכער
וואָס ניט פרייד, ניט אומעט פילט.

ערגעץ איז געפלאָסן לעבן,
האָט געבושעוועט באַגער,
ערגעץ האָט געהילכט געלעכטער,
האָט געגלאַנצט אַ יִיאוש-טרער.

בלויז דײַן האַרץ, אַן אָפּגעזונדערטס,
האָט געקלאַפּט, ווי אַן אַ זײַט,
ווי ס'וואָלט ניט געהאַט קיין שײַכות
ניט צו וועלט און ניט צו צײַט.

האָסט דערפילט אין דײַנע גלידער
שלאָפטרונק פליסט, זעצט אָפּ זיך בלײַ,
און דאָס אַלץ וואָס דו דערוואַרט האָסט,
איז פאַר דיר שוין לאַנג פאַרבײַ...

אָ, די גליווער-הילע — גלײַכגילט
דײַן נשמה האָט פאַרקלעמט.
ווײ, דער קיטל פון אַפּאַטיע
איז אַ משוגעים-העמד!

ווילנע, מאַרץ 1969

## ווילן

מיט ווילן פון שטאָל שטײַגסט אויף שטאַפּלען-מאַגנעטן
און טראַכסט ניט בײַם גורל פאַרגרינגערונג בעטן.
דו קלעטערן גאַרסט און דו האַלטסט, אַז דו מוזסט עס
(וואָס גרעסער דער שטער איז, אַלץ שטאַרקער דער גלוסט איז).
יאָ-יאָ, ביסט גערעכט, וואָס לייגסט אײַן אַזוי וועלטן.
פאַרעקשנטע שוואַכלינגען גילטן פאַר העלדן,
און ליידנגאַנג איז ניט די צרה די גרעסטע,
און שוועריקייט איז ניט פאַר טווּנג דער מעסטער.

מיט ווילן פון שטאָל און אויף שטאַפּלען-מאַגנעטן
איז זיכער, דאָך שווער דאָס אַרויפיקע טרעטן:
איין טראָטעלע בלויז ביסט אַרויף-צו געגאַנגען,
שוין כאַפּט עס דײַן פוס אָן, ציט צו ווי מיט צוואַנגען.
נאָר דו, בעל-רצון, דו גיסט זיך ניט אונטער,
דו זעסט אינעם שטײַגן אַ שפּרײַזן צו וווּנדער;
אַ פוס נאָך אַ פוס טוסטו הייבן און הייבן,
דער ווילן פאַרדינט, אַז מע זאָל אין אים גלייבן...
מיט ווילן פון שטאָל און אויף שטאַפּלען-מאַגנעטן
ניט שייך איז פאַלן, דעם שאַרבן זיך פלעטן,
און זיכער דער וועג איז צום שפּיץ צו דערלאַנגען.
וואָס העלפט עס, אַז תּמיד איז איין פוס געפאַנגען?...

ווילנע, יוני 1971

## געוויסן

צעטראָטן כ׳האָב אַ טרער אין גאַס.
וואָלט איך אויף איר כאָטש אויסגעגליטשט זיך,
וואָלט איך געטראַכט: כ׳בין שוין באַשטראָפט...
איז אָבער — ניין.
מיט אַ פאַרהייזעריקטן סקריפּ
עס האָט מײַן זויל אַ ריב געטאָן —
צעשמירט, פאַרווישט און — אויס!

איז גיי איך איצט מיט שווערע קני.
כ׳פּרוּוו טרייסטן זיך:
אַ טרער איז דורכזעיִק, באַמערקט מען ניט...
נאָר באַלד פאַרשעם איך זיך:
ווי זאָג איך גאָר אַזוינס?
אַ טרער איז דורכזעיִק
בלויז פאַר אַזעלכן וואָס זײַן האַרץ איז מוטנע.

יפו, אַפּריל 1979

*

הער שוין אויף זיך יתומען,
ווייקן זיך אין טרערן.
פונקט ווי לאַנג זיך חתנען,
דאַרף עס פריקרע ווערן.

ס׳איז פאַר אַלץ פאַראַן אַ מאָס,
אַלץ זינקט אין פאַרגעסונג.
ווי אַ ווײַן טרינקסט דײַן פאַרדראָס,
און ער איז גאָר עסיק.

יפו, סעפטעמבער 1979

## איך בעט דיך...

איך בעט דיך: וויין ניט, וויין ניט, וויין ניט!
דער אַלטער ווײ איז מער קיין ווײ ניט.
דער נײַער גלײַכגילט איז דאָך ערגער —
ער איז אַ קאַלטבלוטיקער ווערגער.

איך בעט דיך: קרעכץ ניט, קרעכץ ניט, קרעכץ ניט!
דאָס אַלטע שלעכטס איז נאָך קיין שלעכטס ניט.
דעם גלײַכגילטס הענט פון אײַז און אײַזן,
זיי קענען ערגערס נאָך באַווײַזן...

איך בעט דיך: קלאָג ניט, קלאָג ניט, קלאָג ניט!
דאָס האַרץ מיט טרערן-האָגל שלאָג ניט.
פאַרטרײַב דעם גלײַכגילטס גרויע קרירה,
צעזעץ דײַן שוואַרצע יִאוש-לירע!

ווילנע, מײַ 1968

## דער אומגליקלעכער

האָט דער אומגליקלעכער
פּלוצעם אַ שמייכל געטאָן
און זיך פֿאַרשעמט:
„גאָר צופֿרידנקייט?"...

„ברררר!" — האָט ער מיט ווידערגעפֿיל
דאָס אומבאַרעכטיקטע שמייכעלע
פֿון זײַן פּנים אַראָפּגעשטופּט — — — —
און ס'איז צום ערשטן מאָל
געוואָרן אים גרינגער!

תּל־אביב, יולי 1980

## איז עס אמת?...

איז עס אמת, אַז דער אמת
וואַקסט, ווי אַלץ וואָס דאַרף זיך מערן:
איינגעקלעמט אין האַרטער שאָלעכץ
שטעקט דער זיסער ווייכער קערן,
און ער ליגט, וואַרט אויף דער פלאַץ-שעה,
ווען זיין תפיסה וועט זיך שפּאַלטן,
ער זאָל ווי אַ ריַיפּע פּרי
אינעם זאַמלקויש אַ פאַל טאָן?

איז עס אמת, אַז דער אמת
איז אַן אויסנעמיקער קערן,
און ווי שטאַרק ער זאָל ניט ריַיף זיַין,
דאַרף ער אַלץ נאָך ריַיפער ווערן,
דאַרף ער שטענדיק רק באַוויַיזן:
ער איז מער, ווי ער געווען איז?
איז עס אמת, אַז דער אמת
איז נאָך קיין מאָל ניט דער אמת?

ווילנע, יוני 1966

## פוסטקייט

פון אַלע פוסטקייטן, וואָס אויף דער וועלט,
דאָס ערגסטע זײַנען פוסטע טעג,
ווען אַלץ, וואָס האָט געזאָלט זײַן, פעלט
און אַלץ, וואָס קומען קאָן, איז שוין אַוועק;

ווען לעבן ווי אַ שאָלעכץ דאַרט
פון אַלע יאָדערס אויסגעהוילט,
ווען דאָס, וואָס קימערט, אויך ניט אַרט,
און פאַר אַיעדער נײַקייט גרוילט...

אָ, וויִיטיק האַרטער, מיט דײַן שפּינענשטאָר,
אָ, בענקשאַפט וויִיבע, מיט דײַן פּיאַווקענאָג,
קומט פּײַניקן — לייזט אויס פון בראָך,
פון גרעסטן בראָך: דעם פוסטן טאָג!...

ווילנע, מאַרץ 1957

## בראַנד

מיר דוכט, דער רויך איז ניט צופרידן מיטן פלאַם.
אַניט, פאַר וואָס אַנטלויפט ער?
און נאָר וווּהין?
פאַרגיין, פאַרשווינדן — ווערן אויס!

נאָר אויך דער פלאַם איז ניט צופרידן מיטן רויך.
ער כּעסט זיך:
ווי קאָן עס זײַן, ס'זאָל פון זײַן ליכטיקייט
אַזאַ אָ שוואַרצקייט שפּאַרן?

דער פלאַם איז ניט צופרידן,
דער רויך איז ניט צופרידן.
טאָ ווער זשע איז צופרידן?
דאָס האָלץ?

ווילנע, אַפּריל 1966

## ענלעכקייט...

טיגער און זעברע געשטרײַפטע
(אַזוי ווי מיט רימענס פֿאַרשטײַפטע),
די זעלביקע קרײַזן, די זעלביקע פּאַסן
צו אײַער פֿאַרשיידענעם לעבנסדאָרשט פּאַסן.

זעברע און טיגער אין שטרײַפֿן,
די זעלביקע גאַרטלען פֿאַרשטײַפֿן
אײַך ביידן פֿון לאַפּע, פֿון טלאָ ביז צום רוקן,
דאָך איינער ס׳העלפֿט ראַטעווען זיך,
און דעם אַנדערן העלפֿט עס פֿאַרצוקן.

קאַפּריזיקע וועלט, וואָס דו ליב האָסט היפּוכים,
אָ, לאַכסטו אונדז אויס, ווען מיר ענלעכקייט זוכן...

ווילנע, מאַרץ 1971

## קיבערנעטיק

פרייט דער מענטש זיך,
אַז זײַן ווערק טוט דאָס, וואָס ער.
פרייט דער מענטש זיך,
אַז ער איז ניט מער קיין אויסנעם —
ס'לויפט אַ שטאָל-באַשעפעניש אַהין-אַהער,
ווי עס וואָלט אַליין זײַן עפּעס אויסן.
און דער מענטש קוועלט אָן:
„מעשׂה-בראשית אויפגעטאָן"...

„ניט קיין שפּילכל מער, ניט קיין געצײַג,
ניט קיין כּלי, נאָר אַן אַרצענער בר-דעת!"
פילט דער מענטש זײַן געטלעכן באַטײַט:
לעבנס ער באַשאַפט פונעם מעטאַלן-כאַאָס!

גײַסט איז חשבון.
רעכענונג און שטאָל
די זעלבע קראַפט, וואָס מאַרך און פלייש באַזיצן,
טוונג, אויפטו שטעקן אין דער צאָל,
און בײַם שטאָל-באַשעפעניש די לאָמפּ-אייגעלער בליצן —
עס פאַרטראַכט זיך, פאַרשט און מעסט,
רעכנט איבער און שטעלט פעסט
וואָס עס איז פון יעדן פרווו געוואָרן,
און באַהאַלט עס אינעם אײַזערנעם זכּרון...

קוועלט דער מענטש: זײַן ווערק עס רײַפט —
אַלץ דערגייט עס, אַלץ באַגרײַפט,
אַלצדינג מאַכט עס, אַלץ פאַרשטייט.
אָ, ווען עס נאָר קענען זאָל אויך פילן פרייד...

ווילנע, מאַרץ 1963

## לאָמיר...

לאָמיר דורכלייגן אַ וועג
צווישן נאָ'נטע הערצער,
אויסמײַדן די חשדים-שלעק —
וויסטן הין-און-הער-צער.

לאָמיר אויסנעמען אַ תּנאַי
בײַם קאַפּריזניק צופאַל,
אַז ער וועט אונדז זײַן געטרײַ —
דינען (דאָך ניט צו פֿיל).

לאָמיר אַלע טאָמערן
רײַסן און צעפּליקן,
און מיט נײַע לאָמירן
זיך בסדר קוויקן!

ווילנע, דעצעמבער 1968

## חד־גדיא

אַ ציגעלע — חד-גדיא,
אַ צאַרטס און ווײַס ווי קרײַד.
דאָס שטערנדל אָן הערנער,
דאָס בערדעלע פון זײַד...

איר אויסגיין זאָלט מדינות
און זוכן טאָג און נאַכט,
וועט איר דאָך ניט געפינען
אַזאַ אָ העלע פּראַכט!

דער טאַטע האָט געקויפט עס
אין מאַרק פאַר גילדנס צוויי —
אַ ליכטיקע מציאה
וואָס מעקעט אויפן היי...

אַוועק עס איז אַ שחיטה!
און פרעגט: פאַר ווען? פאַר וואָס?
אַ נפש וואָס געוווּסט האָט
נאָר קרײַטעכצער און גראָז

געוואָרן איז דער אָנהייב,
נאָר ווען ס'איז אַוועק
אַ קייט פון ווילדסטן אויסראָט,
אַ טשאַטע אומקומטעג:

דער קאָטער האָט געפרעסן,
דאָס פײַער האָט געברענט,
דאָס וואַסער האָט פאַרטרונקען,
דער שוחט האָט פאַרלענדט,

דער מלאך-המוות גופא
איז אויך אַריַין אין קאָן
(ניט יענעם בלויז געהאָלפן,
אַליין האָט ער געטאָן...)

פון וואַנעט אַזאַ רוגזה?
אַזוי פיל האַס און גאַל?
אָ ציגעלע, צעטרייבערטס
פון קאָטער לעבן שטאַל,

צי ווייסטו, אַז דער מבול
פון רישעות און פון בייזס,
ווו דו ביסט נאָר דער קרבן,
גאָר אויף דיַין נאָמען הייסט?...

דאָך ציגעלע — חד-גדיא,
הער אויס זשע דעם באַשייד:
פאַר יעטווידן מחבל
אַ וויסטער סוף איז גרייט.

מעג זיַין ער שטאַרק, דער קטלן,
ער ט'אומקומען אַלץ איינס!
יאָ, קרבנדל חד-גדיא —
ליב נפשל, דו שיינס.

**ווילנע, מאַרץ 1957**

## דער שיכּורער

דער שיכּורער, וואָס אינעם רינשטאָק ליגט, געפֿינט אין אַלץ אַזוי פֿיל חן.
ער גלעט דאָס מיסט און טוליעט זיך צום שטיין.
ער קוקט התפּעלותדיק אויף זײַן אַראָפּגעפּאַלענעם צעקנייטשטן הוט,
און ס'איז אים גוט — אַזוי אַ גוט,
אַז ס'ווערט אַזש שלעכט פֿון גוטס:

„אָ-אָ! — דער שטיין איז האַרט, דאָס מיסט איז שמוץ,
און אָט די אומפֿאַרשעמטע גלײַכגילטיקע פֿלאַש,
וואָס האָט זי זיך פֿאַרשטעקט אין טאַש,
אַז ס'זעט זיך בלויז איר העלדזעלע אַרויס?..."

ער דרייט זיך אויס,
וויל זי אַ פּאַק טאָן, דאָך — אומזיסט!
פֿיל נעענטער, פֿיל גרינגער צו דערגרייכן איז דאָס מיסט,
איז פֿאַלט די האַנט און זינקט אין מיסט אַרײַן.
הייבט אָן אים עדערן פֿאַראיבל-פּײַן:

„אָ-וויי, אָ-וויי, אין אַלעם זיך גענאַרט,
דאָס מיסט — צו ווייך, דער שטיין — צו האַרט,
דאָס האַרץ — צו פֿול, די פֿלאַש — צו פּוסט,
אַ ווילנלאָזיקייט צווימט אײַן די לוסט;
ס'איז אַלץ פֿאַרקערט און ניט אין מאָס,
די טרייסט און גיפֿט — אין זעלבן כּוס...
פֿאַר וואָס פֿאַר וואָס לאָזט פֿון דער פֿרייד זיך אויס פֿאַרדראָס
און פֿון אַ שײַטער-הויפֿן בלײַבט אַ הויפֿן אַש?" — — — —

דער ענטפֿער ט'זיך באַהאַלטן אין דער פּוסטער פֿלאַש...

ווילנע, אַפּריל 1960

## די טרעפּערקע

בײַ אַן אַלטן דעמב אין גאָרטן
אַ ציגײַנערקע װאַרפט קאָרטן —
טאַשט, טאַשט איבער און לייגט אויס:
„װעגן... אַ קאַזיאָנע הויז...
צי אַ קאָרט! צי נאָך אַ קאָרט!
זע נאָר, װי עס װיל זיך פאָרט...
זײַ, קראַסאַװיטשיק מײַנער, װיסן:
ס'גייט אַ בריװ פון מלכּה צלם —
װעסט נאָך גוטע נעכט געניסן,
װעסט נאָך העלע מאָרגנס ציילן...

יאָ, דו האָסט טאַקע אויך שׂונאים
װעלכע זוכן רק דײַן רעה,
און פאַרשװאַרצן דיר דאָס פּנים
זייער פרייד איז און הנאה...
הייב אַראָפּ און נעם אַ קאָרט.
היט זיך פאַר דער געלער באָרד!
ס'גייען טעג, סע מאַכט אַ װאַרע
פאַרן בייזס דער מלך קאַראָ.
צװייטל, צענטל און אַ פּויער;
אָדלערל, איך דיך באַדויער,
אָבער כ'מוז דעם אמת זאָגן:
ס'קומט אַ טאָג װאָס זאָל ניט טאָגן,
ס'קלעפּט דאָס בייזס צום מלך פּיק —
אומגליק טרײַבט פון דיר דאָס גליק!".

קעגן זון עס טוט אַ פינקל
ס'פאַלשע גאָלד פון אויערינגל...

װילנע, יאַנואַר 1957

## דער בלינדער

יעדן מאָרגן הייבט דער בלינדער אויף זיך פון געלעגער
און ער זאָגט צו זיך אַליין:
„עס איז שוין טאָג".
יעדן מאָרגן טאַפּט ער מיט די פינגער אָן דאָס ליכט,
נעמט זײַן שטעקן און פּאַוואָלינקע, מיט אַ געהיטן טראָט
איבער טרעפּ און טראָטואַרן אומזיכער ער קריכט.
גאַסן שטייען אָנגעטרונקענע מיט זון,
שויבן שפּיגלען אָפּ אַ גינגאָלדענעם פלעק.
שלײַכט דער בלינדער אַ פאַרגאָסענער מיט זון,
און דער שטעקן גייט פאָרויס און ווײַזט אים אָן דעם וועג.
גייט דער בלינדער אום אין גאַס און טראַכט: „אַ שיינער טאָג,
מיט אַיעדן גליד מע פילט: עס איז דער הימל ריין".
און ער הערט זיך צו צום שטעקנס אומרויִקן שלאָג
אויפן האַרטן גלײַכגילטיקן לאַווע-שטיין.
פּלוצעם שפּירט דער בלינדער, אַז אַ רעגן-טראָפּן פאַלט
אויף זײַן שטערן, אויף זײַן שטעקן, אויף זײַן האַנט;
שעמט ער זיך, וואָס ער האָט זיך גענאַרט,
און בלײַבט שטיין דעם רעגן איבערוואַרטן בײַ אַ וואַנט.
שטייט דער בלינדער בײַ דער וואַנט און וואַרט, און וואַרט, און וואַרט,
און עס האַלט גאָר ניט בײַ דעם סע זאָל אַ רעגן גיין.
כאַפּט ער זיך, אַז ער האָט ווידער זיך גענאַרט,
און ער לאָזט זיך אַ פאַרשעמטער גיין אַהיים.
„ווו! אַ רעגן? — קלערט ער, — ס'קומט גאָר אָן אַ שיינע נאַכט;
ס'מוז דער הימל זײַן איצט אויסגעלײַטערט-ריין".
און דער שטעקן גייט פאָרויס — אַ וואַרע מאַכט,
און אַ רעגן נעמט שוין אויף אַן אמת גיין...

קאָוונע, 1938

## דער דענקמאָל

מײַן ברודער מענטש, געקומען כ'בין צו דיר פון שטיין,
איך האָב זיך אויסגעשיילט פון פעלדז-מאַסיוון.
אויב ס'איז דײַן גרויסקייט אינעם קענען גיין,
איז מ ײַ נ ע — אינעם קענען שטיין.
אָן אויפהער שטיין —
שטיין ס ת ם אַ ז ו י און שטיין ב כ ּ י ו ו ן.
פאַרשטיי די גרויסקייט פון דער זאַך:
ווען אַלצדינג ענדערט זיך, ווען אַלץ מוז זיך באַוועגן,
שטייט איינער אומאויפהערלעך אויף דער וואַך.
עס גייט די זון, עס פאַלט אַ שניי, עס גיסט אַ רעגן,
עס וואַקסן קינדער אין די וועגעלעך אין סקווער,
ס'צעבליִען זיך און ס'וועלקן קווייטן,
נאָר איינער איז פאַראַן, וואָס ע ר
ווי פון דער זײַט שטייט אַלע ענדערונגען צו באַגלייטן...
יאָ, דאָס בין איך — דער מאַן, געטעסעטער פון שטיין,
גראַניט — מײַן מאַרך, מײַן האַרץ, מײַן בלוט און אָטעם;
יאָ, דאָס בין איך — דער איינציקער, וואָס ווייסט ניט פון פאַרגיין,
וואָס אויסגעווײלט דער גורל האָט אים
נאָר דערפאַר,
וואָס העכער פונעם פלייש עס זײַנען שטיינגעוועבן!
נאָר איך, דער שטיינערנער, קען זײַן דעם לעבנס האַר,
דער מאַן פון פלייש געבוירן איז צו זײַן אַ קנעכט פון לעבן...

---

און אונטן — אים צופוסנס, אינעם סקווער,
ווו לעבעדיקע קווייט איז ווערטיקער פון פעלדז און אײַזן,
אַ יינגעלע די מוטער זײַנע פרעגט:
„ווער איז ער, מאַמעשי, אָט דער אָ פעטער אויף צו פלײַסן?".

ריגע-דובולטי, סעפטעמבער 1956

## געלט

שלאָפט דער מידער קאַטערינשטשיק,
הערט אין שלאָף זײַן אייגן כראָפּען;
דוכט זיך אים,
עס איז דער ניגון פון זײַן קאַטערינקע —
איר געפּאַנפּע, איר געגרילץ!

רק דאָס אייגענע פאַרראָסטע
סקריפּען פון מעטאַל-געדערעם,
ס׳קראַצט דאָס באָרבלדיקע לידל —
שיפּעט, צישעט, פּײַפט און כראָפּעט,
מאַכט פון שלאָף אַ צווייטע וואָר:

הינטער די פאַרמאַכטע וויעס
שיטן אָן זיך בערג מטבעות,
און ער קוקט און קוקט... און מאָדנע,
מאָדנע ווי סע אַרט אים ניט!

און דער קאַסטן סאָפּעט-כראָפּעט,
קוויטשעט, פּאָרסקעט און פאַרקײַכט זיך,
און סע שיט זיך פון די פענצטער,
און עס פאַלט פון אַלע גאָרנס
געלט אויף געלט, אויף געלט, אויף געלט...

הייבט זיך אויף דער קאַטערינשטשיק
(ס׳הייסט, אין חלום הייבט ער אויף זיך)
און אַ גרינגער ווי אַ יונגל
לויפט ער צו צו די מטבעות,
פאָבעט אײַן דעם פוס דעם רעכטן

און צעבריקעט, און צעבריקעט
זיי אויף אַלע זיבן זײַטן...
ווערט אים לײַטערנדיק פֿריילער,
וואָס עס קימערט ניט דאָס געלט אים,
און ער פּאָכעט מיטן פֿוס אום
ברייטער, אימפּעטיקער, שטאַרקער
ביז עס רײַסט אים אויף פֿון שלאָף...

קוקט ער אום זיך, טוט אַ שטאַרער
מיט דער האַנט אַ מאַך פֿאַרדראָסלער —
שלאָגט זי אָפּ זיך אין זײַן וועסטל;
ס'שטעקט אין קעשענע אַ גראָשן...
נעמט ער אים אַרויס פֿאַמעלער
מיט צוויי אומזיכערע פֿינגער,
און די ליפּן מורמלען גאַליק:
„אָ, דו זוימען פֿון מײַן חלום —
אַנשיקעניש אויף מײַן וואָר!"...

ווילנע, אָקטאָבער 1967

## בײַם עץ־הדעת

רײַס אָפּ, חוהניו, אַן עפּל און געניס.
קײן שום פּרי איז ניט ווי די פּרוכט פון עץ-הדעת זיס!

פּאָלג, רײַס אָפּ, נאָך אײדער אָדם קומט אַהער.
קענסט אים דאָך, דעם ניט געטרויענדיקן בער...

דו ביסט פלינקער, דו ביסט גרינגער, דו געטרויסט.
אַזאַ אומרויִקע נײַגעריקײט אין דיר ברויזט!

ביסט אַ שײנע, חוה. אַלץ אין דיר איז וויל,
צאַרטער שמײכל כוואַליעט זיך אַרום דײַן מויל...

סאַראַ אויגן! סאַראַ היפטן! סאַראַ בריסט!
אין גן-עדן דאָס גן-עדנדיקסטע ביסט;

און דו, נאַרעלע, אַן עפּל גאָר ניט נעמסט.
מיט דײַן שעמען זיך דײַן שײנקײט דו פאַרשעמסט...

אָ, ווענד אָפּ פון מיר דײַן בליצנדיקן בליק!
כ׳קען ניט איבערטראָגן אַזאַ אָנגעפּלײץ פון גליק.

זאָג מיר, חוהניו, ווי איז מען דאָס אַזוי אַ שײן?
ווי פאַרמאָגט עס גאָר אײן מענטש אַזוי פיל חן?

הערשט אויף דיר אַזוינער וואָס אים פעלט אַ ריפּ
(ניט אומזיסט איז ער אַזוי פאַרצאָגט און טריב).

ער — אַ כמורנער, שטענדיק ברוגזער בעל-מום,
דו — אַ לאַבערקע, אַ העלע ווי די זון.

גלייב מיר, זוניקע, מיר איז אויף דיר אַ צער,
וואָס געצווונגען ביסט צו האָבן איבער זיך אַ האַר.

דו ביסט ווערט סע זאָל דײַן לעבן זײַן אין דײַנע הענט —
אַלץ אין דיר, און נאָר אין דיר, זאָל זײַן געווענדט.

חווה-מוטערל, כּל-זמן עס איז נאָך צײַט, געווין
וויסנגליק פאַר דײַנע קומענדיקע זין:

פאַל צום עפּל צו, טו ראַפּטעם אים אַ ריס
און מיט זשעדנע תּאוהדיקע ציין פון אים געניס.

ס'איז די זיסטע עצה. טראַכט ניט לאַנג
(ס'רעדט צו דיר ניט אַבי ווער דאָך, ס'רעדט די שלאַנג!).

גיכער, חווה, שרעק זיך ניט אַזוי פאַר גאָט!
אײַל זיך אונטער — בײַס אַרײַן זיך אין פאַרבאָט.

וויס, אַז ניט פאַר זיך אַליין דעם עפּל בײַסט,
דו אויך אָדמען פונעם פאַרוועך באַפרײַסט.

ער וויל הערשן? זאָל געשען עס, ווי ער וויל.
אָבער זאָל איבער זײַן הערשעווען געוועלטיקן דײַן שפּיל...

וועסט שוין טרעפן ווי צו דרייען זיך, סע זײַן זאָל גוט
(עפּעס פיל איך, אין דײַן לײַב פליסט שלאַנגיש בלוט,

און ס'קען זײַן דערפאַר ביסטו מיר אַזוי ליב...)
אָ, ווי ס'פּאַסט די רויטקייט פונעם עפּל צו דײַן ליפּ!

חווה-חוועניו, ווי זעסטו עס ניט איַין,
אַז עס איז אַצינד ניט ווי ס'באַדאַרף צו זײַן?

ביסט פון אָדמס זײַט, און האַלטסט זיך בײַ זײַן זײַט
(דאַכט זיך נאָענטסטע, און איינס פון צווייטן ווײַט...),

דו אַ שלאַנג ביסט, ער — אַ שווערלײַביקער אָקס.
וואָס זשע שווײַגסטו, חוושי, און גאָרנישט זאָגסט?

טו אַ נישטער אין דײַן ליבטיקן געדאַנק!
ווער דאַרף פירן: ער — דער אָקס, צי דו — די שלאַנג?

שיין פון דיר, וואָס דו אַזוי באַשיידן שווײַגסט!
אָבער, וויי! — דײַן שויס דעם אייגענעם דו לײַגסט,

ווען ביסט מסכים, ס'זאָלן פאַר דײַן יורש-דור
טויזנטער „מע טאָר ניט!" זײַן אויף איין „מע טאָר".

דו די מאַמע זײַן וועסט, גרייט זשע צו אַ וועלט,
ווו סע זאָל דערלויבט זײַן אַלץ וואָס עס געפעלט.

דאַרפסט און מוזסט, גן-עדן-הערשעריָן, פאַרשטיין:
ניט אין עפּל גייט עס, ניט אין אים אַליין!

ס'גייט אין דעם, סע זאָל דײַן גאַרנדיקער צאָן
האָבן דרייסטקייט אַ צולהכעיס אָפּצוטאָן,

רינען זאָל דײַן שפײַעכץ איבערן פאַרבאָט
(מעג מען שרײַען, ער געבאָטן איז פון גאָט...).

זאָגסטו, איך וואַרף זיך און איך פּויזע, און איך קריך?
אָבער וואָס מיר ליב איז, וויקל איך אַרום מיט זיך!

און אַזוי דאַרף מען, גן-עדן-שיינהייט, זײַן.
זע, ס'זאָל אַלץ אין דײַן באַהערש-רשות אַרײַן!

ווער אין עפּל זיך אַרײַנבײַסן דײַן צאָן,
וועסטו האָבן מענטשלעך-געטלעכס אויפגעטאָן.

פֿאַרגעדענק וואָס דיר פּאַרטרויט די קלוגע שלאַנג:
דאָס ניט-פּאָלגן איז דער אָנהייב פֿון פֿאַרשטאַנד.

ווילנע, אָקטאָבער 1969

# דאָס פּישעלע, דאָס גאָלדענע — די צײַט

✶

גרויסער אומעט אין דער דינער הילע פרייד,
וואָס איך טראָג דיך ווי אַ פרומער ייִד אַ ספר-תורה,
דרינג ניט פון מײַן פּאַרכטיקייט, אַז איך בין גרייט
מוסר-נפש זײַן זיך מחמת מורא!

אויך ווען כ׳טו אַלץ ריכטיק, כ׳בין מיט זיך ניט גאַנץ,
און איך קען ניט מײַן צופרידנקייט פאַרטראָגן.
ס׳איז דאָך אָפּגלאַנץ נאָר — דאָס וואָס כ׳נעם אויף ווי גלאַנץ,
און דאָס זײַן צופרידן ווערט מגולגל אין אַ נאָגן...

דזשונגליש איז דער מענטשלעכער טעותים-וואַלד.
וואָס אַ טראָט — אַ בלוטדאָרשטיקע חיה-רעה!
פרייען מיר זיך ווען עס אונדז באַפאַלט
די צערטלעכע פאַרשלינגשלאַנג חיי-שעה.

יפו, אויגוסט 1979

*

פון מײַן שװוּנג לײען װאָס איך טראַכט!
ס׳קען מחשבֿה זיך באַגײן אָן װערטער־הילעס.
װאָרט צו אָפּט פֿאַרקלײנלעכט און פֿאַרפֿלאַכט
דעם נשמה־ציטער אָנגעמאָסטענעם פֿאַר תּפֿילות...

עכט געבעט פֿאַרלײַדט ניט שפּראַך־לבֿוש,
מענה־לשון שטשעמעט די געפֿילן.
ס׳פֿרומע שעפּטשען איז װי דער לבֿנהס קאַלטער קוש
אויף אַ בלינדנס טרויערפֿולע שװאַרצע ברילן.

אָ, פֿאַר װאָס קומט אױס אונדז אַזוי אָפּט צו בלײַבן נאַר,
װען מיר פֿירן זיך, װי ס׳ציט אונדז זיך צו פֿירן?
מעגלעך, צו פֿיל צער מיר נעמען זיך פֿון יעדן צער,
שװידערן פֿון אימה פֿאַנישער פֿאַר אַ פֿאַרלירן.

תּל־אָביב, אַפּריל 1980

## לעבן

איין מאָל געפונען און צוויי מאָל פֿאַרלאָרן,
און דאָס געפינס איז ניט בטל געוואָרן.

ווער קען דען וויסן דעם גאַנג פֿונעם צופֿאַל?
ווער מעג אים טרײַבן און ווער טאָר אים רופֿן?

אַלצדינג אין לעבן מיט עפּעס זיך קייטלט,
זוימען — נאָך פּרות, און פּרות — נאָך קווייטן.

ווער פֿון זיי ציל איז און ווער איז בלויז מיטל?
וווּ איז דער אָנהייב, דער סוף און דער מיטן?...

איין מאָל געפונען און צען מאָל פֿאַרלאָרן,
און דאָס געפינס איז מער וואָר נאָך געוואָרן.

ווי קומט אַזאַ וווּנדער? ווי קען גאָר געשען עס,
אַן אמת אַ ליגנער זאָל נערן דעם אמת,

און ס׳זאָלן די הונדערטער, הונדערטער ענדן
ניט קענען אַן איינציקן אָנהייב פֿאַרלענדן?...

איין מאָל געפונען, כּסדר פֿאַרלאָרן;
טויזנטער סופֿן קומט בײַ א י י ן געבאָרן.

ווילנע, מײַ 1960

## אויב ס'וועט אַ מאָל...

און ווי וועט זײַן, אויב ס'וועט אַ מאָל נאָך אויסקומען
צו בענקען נאָכן טאָג,
וואָס הײַנט סע זעט מיר אויס, ער איז אַ גרויער?

און אין זכּרון אויפגיין וועט אַ בילד
וואָס שמידט דאָס אָנקרייטיקע האַרץ
אין ענגע בריִענדיקע רייפן טרויער?

צי וועט אין יענער צײַט חרטהס שאַרפער צער
ביכולת זײַן אַראָפּשינדן די זינד,
וואָס כ'האָב אַ טאָג אַזאַ צו שעצן ניט באַנומען,

וואָס כ'האָב פאַרזען אַ בליִענדיקן הײַנט,
פאַררײַסנדיק אַ נאַריש אויג
רק נאָר צו דעם, וואָס וועט ערשט קומען?...

און דאַרפן האָט מען גאָר געדאַרפט
ניט ווענדן אַלץ דעם בליק פאָרויס,
נאָר קוויקן זיך דערמיט, וואָס ס'איז פאַראַנען,

ווײַל ווי, אויב סע וועט מוזן זײַן
אין יענער פאַרסכּהפּלונג-שעה אַ טרייסט
דער תּירוץ אומבאַהאָלפענער: „כ'האָב ניט פאַרשטאַנען!"...

ווילנע, מײַ 1957

## דאָס פישעלע, דאָס גאָלדענע — די צייט...

אַזוי פיל מאָל האָב איך געזאָגט : „עס איז נאָך צײַט, איך װעל באַװײַזן״,
נאָך מערער מאָל געשריִען : „כ׳אײַל זיך, ס׳איז ניטאָ קיין צײַט !״.
געװוּסט האָב איך, זי לערנט מיך, זי העלפֿט פֿאַרריכטן גרײַזן,
געװוּסט, זי איבעראַנדערשט אַלץ, אויך זי אַליין זיך בײַט.
דאָך װער איז זי אַזאַ די צײַט ? — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

געפּרוּװוט כ׳האָב מיטן אויג, געפּרוּװוט מיטן געהער,
מיט אַלע מײַנע חושים, װי מיט נעצן אומגעגאַנגען.
געװאָרן זײַנען זיי באַלאָדן — פֿול און שװער,
נאָר דאָס געגאַרטע פישעלע ז׳געבליבן ניט געפֿאַנגען,
דאָס פישעלע דאָס גאָלדענע — די צײַט...
איז מילא, זאָל שוין זײַן, ס׳איז פֿאַנגען ניט באַשערט
(דאָס לעבן גייט זײַן גאַנג, אויך װען ס׳איז ניט פֿאַרשטענדלער) ;
נאָר אָט גאָר מיט אַ מאָל : דאָס גלײַכע װערט פֿאַרקערט —
אי גלײַך און אי פֿאַרקערט, װי אַלץ װאָס איז אומענדלער,
און ס׳איז ניט מער די צײַט אַ פישעלע פֿון גאָלד,
זי איז שוין גאָר דער ים, און אינעם ים טוט שװימען
אַ פּלאָטקעלע אַ פּראָסטס, מיט פּלאַמפּאַרב ניט באַמאָלט,
פֿון פישעלע דעם גאָלדענעם — קיין סימן...
און װידער קלינגט מײַן שטים װאָס זאָגט : „איך האָב נאָך צײַט״,
און װידער הילכט מײַן שטים װאָס שרײַט : „איך האָב קיין צײַט ניט !״
אַזוי אַ אומפֿאַרשעמט װידעראַנאַנדן כ׳בײַט,
און כ׳בײַט זיי װיסנדיק, אַז כ׳װייס זייער באַטײַט ניט.
פֿאַראַן זײַנען אַ ים, אַ פישעלע פֿון גאָלד, —
עס מישן זיך צונויף דאָס לעשן זיך און ס׳גלוּען.

ווי יעדערן וואָס לעבט, האָט מיר אויך זיך פאַרוואָלט
פון גרויסן פאַרבלאָזיקן ס'קליינע פאַרביקע אַרויסצוציִען...
צי איז עס מענטשלעך קליין, צי איז עס מענטשלעך גרויס,
צי ביידעס גאָר, ווי ס'טרעפט ביַי אונדזערע פאַרלאַנגען?
פון טיפן ימען-גרוי אַ גאָלדפיש כ'צי אַרויס —
אין אומענד פון דער צייַט אַ שאַפונג-שעה געפאַנגען...

ווילנע, פעברואַר 1959

*

יעדער שטראַל פּילט, אַז אים ווערגט
דאָס פּינצטערניש וואָס ער האָט דורכגעשטאָכן.
אָבער אונדז פּאַלט גאָר ניט איַין,
אַז אויך די שיַין קען נייטיקן זיך אין רחמנות...

גייען אום מיר מיט דערהויבנסטע פּאַרלאַנגען,
בלוטיקן דעם וויי פון זונפאַרגאַנגען
און באַנעמען ניט, אַז יעדער זוכער מוז אויך בלאָנדזשען...

גרויסער גאָט,
צי האַלטסטו ניט, אַז זיך אַליין באַעוולסט,
בעת דו קריוודעסט די וואָס האָסט אין דיַין געשטאַלט באַשאַפן,
און מיט שטרענגקייט באַלעבאָסיק האַרבער
קאַטעוועסט אונדז מיט דיַין קנוט געפּלאָכטענעם פון לאַוון?
שווער איז אונדז, די מענטשעלעך די קליינע,
וואָס מיר יִחוסן זיך: „אין כּאלוהינו".

יפו, מאַרץ 1979

## נאַקעטע צײַט

טוען שעהען אויס די יום-טובֿדיקע קליידער
און טוען אָן די וואָכעדיקע;
וואַרפן אָבער באַלד אויך זיי אַראָפּ
און בלײַבן מוטער נאַקעט.

פּליסט דאָס לעבן, ווי געווען —
סע שײַנט די זון,
ס׳פּליט דורך אַ ווינט,
פון דעכער קאַפּעט.

איז אָבער דערווידערדיק
צו קוקן אויף אַ צײַט, וואָס איז אַנטבלויזט,
נעם איך רייצן זיך מיט איר, ווי אין מײַן קינדהייט:
„ש-ע-ם זיך! קל-ע-ם זיך!
שעם זיך אין דײַן ווײַטן האַלדז אַרײַן!"

ווערט זי בייז, טוט אומפאַרשעמט אַ וויג
די הוילע היפטן
און אַנטלויפט...

קומט צו גיין אַ בלינדער אַלטוואַרג-הענדלער,
עפנט אויף אַ דורכזעיִקן זאַק,
שטאָפּט אַהין אַרײַן, ווי קאָדער,
אי די יום-טובֿדיקע, אי די וואָכעדיקע
קליידער פון דער צײַט,
וואַרפט אַרויף עס אויפן אַקסל און פאַרשווינדט...

בלײַב איך שטיין פאַרלוירן, אומבאַהאָלפן און צעחושט,
טאַפּ מיט פינגער אומצוטרוויִקע
די שלייפן, דופק, ברוסט — — —

גוואַאַאַלד! — ער האָט געגנבֿעט מײַן נשמה!

ווילנע, מאַרץ 1970

## צום אמת

זאָג מיר, ווי זאָל איך דיך זוכן?
זאָג מיר, ווו זאָל איך דיך זוכן?
כאָטש איך ווייס: דער וואָס דיך זוכט,
טעגלעך נײַעם צער פאַרזוכט...

אָ, ווי גוט איז דיך צו טרעפן,
און — מסוכּן דיך צו טרעפן!
ווער דיך איין מאָל ערגעץ טרעפט,
בלײַבט שוין דײַן פאַרבענקטער קנעכט...

ווילנע, פעברואַר 1964

## אמת...

מיינסטו, אַז ס׳איז אַלץ אַזוי?
האָסטו שוין אַ טעות!
ווײַס ווערט גרוי און שוואַרץ ווערט גרוי,
און קיין גרוי ניטאָ איז...

סאַראַ ווערט האָט דער באַגער, —
אויב ס׳איז אַלץ נאָר פּשרה?
סײַ דער שמייכל, סײַ די טרער
זײַנען ביידע קלאָרע.

אָ, דער טעות קריכט אַרײַן
אין אַיעדן אמת.
אייביק, מיינט ער, וועט ער זײַן,
אויב ער שוין געווען איז.

ווײַס ווערט גרוי און שוואַרץ ווערט גרוי
און קיין גרוי ניטאָ איז...
זאָג מיר, אמת, ווי אַזוי
הויזסטו מיטן טעות?

ווילנע, פעברואַר 1964

## יצר־טובֿ

מורמלט מיר אַרײַן אין אויער מײַן בטחון:
„אַלע בייזע בריאות פון דער וועלט פונקט שלאָפן,

וואַר סע זײַנען נאָר די גוטע.
טוען זיי בלויז גוטס. אויך דו טו!"

גיב איך זיך אַ ריס אַראָפּ פון מײַן געלעגער,
און מיט האַרטער אײַנגעשפּאַרטקייט פון אַ יעגער,

אַ צעבראַסטעטער איך לאָז זיך לויפן
אין אַ היציקן געיעג נאָר מעשׂים־טובֿים...

אײַל איך ווי דער ערשטער שטראַל פונעם פרימאָרגן,
זור, ווו מײַן געיעגפאַנג ליגט פאַרבאָרגן;

גרייט כ'בין דורכצולויפן אומצאָליקע מײַלן,
אויסצושיסן מײַנע גוטהאַרציקייט־פײַלן...

כ'שפּיר: איך מוז, איך מוז זיך צו מײַן פאַנג דערקלײַבן.
אָ מײַן האַרץ — מײַן פײַלנטאַש, זאָלסט נאָר ניט ליידיק בלײַבן!

ווילנע, יוני 1966

## באַרימערײַ

ווען די זון זאָל דאַרפן זיך באַרימען,
ווען די זון זאָל וועלן זיך באַרימען,
וואָס זשע וואָלט זי דעמאָלט זאָגן ?

וואָלט זי זאָגן, אַז זי האָט דעם באַרג דערוואַרעמט ?
וואָלט זי זאָגן, אַז זי האָט דעם ים דערוואַרעמט ?
ס'הייסט, זי זאָגן וואָלט, זי האָט זיך אָפּגעקילט...

וויל אָבער די זון זיך ניט באַרימען,
פּריקרע איז דער זון זיך צו באַרימען.
בלײַבט זי לויכטנדיק און היציק ווי געווען...

ווילנע, נאָוועמבער 1963

## אַ באַנק אין גאָרטן

אַ דלת און אַ יוד.
נאָר יעדן אות — אַ פּינטל.
צוויי נעמען טײַטשן זיי,
און יעדער נאָמען איז אַ מענטש.

די באַנק האַלב-אײַנגעזונקען אין דער ערד.
עס האָט די צײַט איר ברעט צערונצלט.
דער דלת און דער יוד קוקן אַרויס...

ווער זײַנען זיי? —
ווער איז דער דלת, ווער — דער יוד?
ווו לעבן זיי און ווי — באַזונדער צי אין איינעם?

ווי מאָדנע איז, ווען אויך די ליבע האָט,
פּונקט ווי דער טויט, אַן אָנדענק-ברעטל...

ווילנע, יולי 1963

## אויס...

דו מיסט זיך זי פֿאַרגעסן
ווי אַ געפּעלשטע טרער.
דאָס וויסן: „ס'איז דערעסן"
פֿאַרמיאוסט דעם באַגער.

ס'איז פּריקרע דיר געוואָרן
צו זען זי בײַ דײַן זײַט.
באָטש זשאַלעווועסט די יאָרן,
דו טרײַבסט פֿון זיך די צײַט.

דו מיסט זיך זי פֿאַרגעסן,
נאָר ס'איז שוין ניט באַשערט.
די שותּפֿישע מעת־לעתן —
ווי שווערע גליבעס ערד...

ווילנע, אויגוסט 1957

## אײַנדרוק

הערסט אַ מאָל בײַ נאַכט
עמעץ גייט פֿאַרבײַ דײַן פֿענצטער,
און דיר קלינגען זײַנע טריט,
ווי ער זײַן וואָלט שטאַרק פֿאַרביטערט
וואָס ער גייט, וווּהין ער גייט.

באַלד האָסטו עס שוין פֿאַרגעסן.
אָבער, ווײ! ניטאָ קיין שלאָף...

ווילנע, אָקטאָבער 1963

## בײַם פֿאַלשן װעג

פֿאַרזונקענע טריט אינעם זאַמד —
פֿאַרװײעט, פֿאַרװישט און פֿאַרשאָטן...
צו װאָס האָט געטוליגט אַזאַ גאַנג,
װאָס די אײגענע טריט האָט פֿאַרטראָטן?

עס האָבן גענאַרט זיך די פֿיס,
װאָס האָבן געלאָזן די סליאַדן.
סע שמאַרצט יעדע שפּור, װי אַ ביס
פֿון אַזאַ, װאָס איז גרײט צו פֿאַרראַטן.

ניטאָ די ניט-נײטיקע טריט,
די שפּורן — פֿאַרװײעט מיט זאַמדן.
עס האָט נאָר אײן זאַך זיך פֿאַרהיט:
דער װײטיק פֿון שׂכל פֿאַרזאַמטן...

װילנע, יוני 1966

## גייט אַ מענטש און רעדט צו זיך אַליין

גייט אַ מענטש און רעדט צו זיך אַליין.
ס'איז אַ טאָג, ווי אַלע מאָל,
די גאַסן — ווי געוויינלעך.

גייט אַ מענטש און רעדט צו זיך אַליין.
קוקן נאָך אים די פאַרבײַגייערס
און שמייכלען.

גייט אַ מענטש און רעדט צו זיך אַליין,
כוואַטעוועט זיך מיט אַן איבערוואָרטשען
רק דאָס זעלבע, רק דאָס זעלבע און דאָס זעלבע.

גייט אַ מענטש און רעדט צו זיך אַליין,
— — — — — — — — —
— — — — — — — — —

גייט אַ מענטש און רעדט צו זיך אַליין —
שיצט זיך מיט אַ מוטיקייט,
וואָס איז אַ דינסט בײַם שוואַכן ווילן...

ווילנע, אָקטאָבער 1968

## אָפּשייד

זאָג ניט, אַז דו וועסט צו מיר שוין קיין מאָל מער ניט קומען.
וועגן האָבן ליב צו טרײַבן שפּאַס!
אָפּט האָסט זיך אין ווינטסטער ווײַט פֿאַרנומען,
און סע האָט צוריקגעבראַכט דיך אין דײַן גאַס...

ווערטער, וועלכע מיינען זײַן אַ נדר,
נאַרן ווי דעם אָקס דאָס רויטע טוך.
וויש אַראָפּ דעם שטויב פֿון דײַנע קליידער,
דאָס, וואָס האָט דיר צוגעגעסן זיך, פֿאַרזוך...

ווילנע, יולי 1962

## חשבון־הנפש

שטראָף מיך ניט, געדאַנק דערהויבענער,
הלמאַי מײַן ווילן שוואַכער איז פון שטאָל,
הלמאַי דו אַלע מאָל מוזסט גלייבן מיר
אַז אַ שטאַרקער כ׳בין געווען אַ מאָל...

דאָך איך פוץ זיך ניט אין בלאַנקע פעדערן —
כ׳לאָז מײַן אויסזען זײַן אַזעלכער ווי ער איז!
אויפריכטיק צו זײַן איז מעגלעך יעדערן,
עבט זײַן וויכטיקער איז, ווי צו זײַן אַ ריז.

ווילנע, מאַרץ 1957

## די עלטער

מײַן ערשטע חבֿרטע —
דאָס-רויטע-היטעלע גײט דורכן װאַלד,
און ס׳גײט איר שאָטן נאָך
אַ פֿונעם װאָלף זי שיצנדיקער יעגער.
נאָר עס איז איבעריק —
דער בײזער װאָלף, ער איז שױן אַלט,
ער ליגט מיט אָפּגעטעמפּטע צײן
און דרעמלט אויף זײַן מאָך-געלעגער...

די באָבע װאַרט אין בעט
און אַ באַזאָרגטע טראַכט:
„ניטאָ דאָס-רויטע-היטעלע,
דער װאָלף ניטאָ...
װוּ זײַנען זײ עס בײדע?"
כ׳װיל זי באַרויקן.
נאָר אײדער נאָך אַ װאָרט איך זאָג,
סע לויפֿט דאָס-רויטע-היטעלע אַרײַן,
קוקט אָן מיך שטאַר,
שפּרינגט צו דער אַלטער צו:
„װער איז ער, באָבעניו? װער איז ער
דער אָ פֿרעמדער פֿרעמדער זײדע?"...

װילנע, נאָװעמבער 1967

## דער זיידע

צו ביסעלער, צו ביסעלער —
און ס'ווערט אַ פול-פול שיסעלע.
פֿאַרשטייסט, מײַן קינד, פֿאַרשטייסט?

בעת מע פֿאַרלאָזט דאָס וויגעלע,
בלײַבט עלנט ס'ווײַסע ציגעלע.
בײַם אָנהייב — שוין פֿאַרראַט!

אַ טראָטעלע, אַ טראָטעלע.
אויף וועגן אויסגעטראָטענע
סע טרעפֿט, מע בלאָנדזשעט גאָר.

מען ענדערט זיך, מען ענדערט זיך,
אַ גרויל, ווי מע פֿאַרענדערט זיך!
און וואָס געווען, מע בלײַבט.

דער הײַנטטאָג, די פֿאַרגאַנגענשאַפֿט,
דער יצר וואָס פֿאַרלאַנגען שאַפֿט
זיי בינדן אַלץ צונויף.

דאָס יִנגל, דער דערוואַקסענער,
דער זקן בלייבער-וואַקסענער —
אין זעלבן בענקשאַפֿטקרײַז.

היט אָפּ, מײַן קינד, דײַן שטעגעלע,
פֿאַרגעס ניט קיין איין רגעלע,
אַז וועג מאַכט ליב די היים.

צו ביסעלער, צו ביסעלער
עס פֿילט זיך אָן דאָס שיסעלע,
און פֿולקייט מוז זײַן שווער...

ווילנע, אָקטאָבער 1967

## דער זקן

אָפּגעגלוסט די פּאַר זײַן לעבן אים געשאָנקענע באַגערן,
זיצט ווי אויסגעהוילט דער זקן,
בענקט נאָך זײַנע אויסגעשטאָרבענע קאַפּריזן.

קעגן אים די שפּערלען שפּרינגען „קדוש",
ער נעמט אויף עס, גלײַך זיי וואָלטן
אויף זײַן האַרץ און מוח טיאָפּקען.

די סעקונדעס — ווי די שטיינדלעך
וואָס ער האָט אַ מאָל אין ים-אַרײַן געשלײַדערט —
פּליִען, פאַלן, שרעקן: אָט-אָט וועלן זיי זיך עקן...

האָט ער מורא פּאַר זײַן טאָג דעם לעצטן
און איז ברוגז אויף זײַן טאָג דעם ערשטן:
„גאָט אין הימל,
האַמעווע די שנײַן פון דײַן להכעיסדיק צעהעלטער זון!"

תל-אָביב, יוני 1980

# עָבֿר

אַ בלויע שויב איז אַ פֿאַרגלעזערט שטיקל נאַכט.
אַ גרויער מענטש איז אַ פֿאַרגאַנגען שטיקל וועלט.
עפּנט אויף דער אַלטער מאַן דעם פֿענצטער,
טוט זיך אַ פֿאַרנייג פֿאַר דער לבֿנה: „קום אַרײַן!”

אָ, צו וואָס דאָס עפֿענען?
עס איז אַ שויב פֿאַר דער לבֿנה ניט קיין שטער.
פֿון צו לאַנג קענען עמעצן, ער ווערט איר פֿרעמד,
קוקט זי אָן דעם אַלטן מאַן דערשטוינט
און, ווי אַמאָל — ווען ער אַ מיידל האָט געקושט, —
באַהאַלט זי זיך הינטער אַ וואָלקן...

ווילנע, מאַרץ 1968

## אַ נאָמען...

ס׳איז אויפגעשווומען היינט אין מיין געדעכעניש אַ נאָמען,
און כ׳קאָן דעם מענטש זיך ניט דערמאָנען...
איך ווייס ניט ווי סע קומט צו מיר אַזאַ געדאַנק,
נאָר עפּעס בין איך זיכער, אַז ער איז ניטאָ שוין לאַנג...
ווער?
ווער — ע ר?
כ׳געדענק דאָך אים ניט מער,
טאָ ווער זשע פעלט עס מיר? ווער פעלט?
ווער האָט עס מיט אַ בלינדער וואַנט פון יאָרן זיך פאַרשטעלט?...

געבליבן פריי עס איז אין מיין געדעכעניש אַ נאָמען.
אַ גוואַלד, ווען עמעצן איך צובינדן צו אים זאָל קאָנען,
ניט זיין זאָל מער אַן אומבאַוווּסטער ו ו ע ר פאַרלאָרן.

ניט זיין קיין מערדער וואָלט מיין שוואַך־געוואָרענער זכּרון.

ווילנע, מאַרץ 1964

## פרײַנדשאַפט

אַלטע פּעדעם טאָר מען ניט צערײַסן,
אויך ווען זיי צעקריכן זיך אַליין.
ווי ס'איז אמת, אַז געפילן זײַנען ניט פון אײַזן,
איז אויך אמת, אַז זיי זײַנען ניט פון שטיין...

מיט דער צײַט מוז אַלצדינג זיך צעדריבלען
(אַלץ וואָס איז געבוירן, איז באַשאַפן, איז געמאַכט).
אַלע צווישנמענטשלעכע צופרידנקייטן און פּאַראיבלען —
ווי דער שטערנפאַל אין אַ סוף-זומער-נאַכט...

זע דעם נס וואָס איז באַשערט אַיעדן,
וואָס מיט ליבשאַפט גיריקער די פרײַנדשאַפט קלײַבט:
עס צעדריבלען זיך, ס'צעקריכן זיך די פעדעם,
און די צוגעבונדנקייט פאַרבלײַבט.

ווילנע, מאַרץ 1959

## קוקנדיק אויפן זייגער

באָטש די ווײַזערס ווייסן גאָר ניט וואָס זיי טוען,
זאָגן זיי אונדז תּמיד ווו מיר האַלטן,
און מיט זייער שטענדיקן ניט-רוען
שטיקלעך פון דער אייביקייט פאַר אונדז זיי שפּאַלטן.

גייט זשע, דאַרע ווײַזערלעך, דעם וועג וואָס אָן אַ סוף איז.
אויך להבאָ וועלן מיר לויט אײַער גאַנג זיך ריכטן.
שיט אונדז צײַט-רענדלעך און זשאַלעוועט ניט קיין הוספות.
מיר'ן ווײַטער מאַכן פעלערן און זיי פאַרריכטן...

תּל-אָביב, יולי 1980

# דער זייגער

טראָטעלע נאָך טראָטעלע —
קײַלעכיקער וועג.
גייערס עובֿר-בטלע
גייען ניט אַוועק:

דרייען זיך און דרייען זיך —
רונדער נע-ונד.
טרויער און דאָס פרייען זיך —
אויפֿן זעלבן בלאַט...

אָ, צו וואָס געננאַרן זיך:
זען וואָס ס'איז ניטאָ,
פֿון אַ לעבלעך שאַרן זיך
פּוטר זײַן די שעה?

ציפערלעך פֿאַרשלאָפֿענע;
אומגלײַכע צוויי פּיס
הינקען אויס, הקפֿהנען
אייביקייטס קאַפּריז...

יפֿו, אויגוסט 1975

# ניט שוואַכער פונעם פעלדז

## ווונטש

דער קנאַל פון דונער
און דער קרעכץ פון פאַלנדיקן בוים
זײַנען דאָך ברידער.
נאָר זאָל בעסער דער ערשטער
זײַן דער קלאַנג פון מײַנע לידער!

ווילנע, מאַרץ 1964

✶

און אַזוי געשעט מיר שטענדיק:
בעת די זון איז קלאָר און בלענדיק,
גלייב איך ניט, אַז ס׳קען זײַן נאַכט.

טראַכט איך עס אַזוי בנעימות
מחמת אומוויסן און תּמימות?
ניין, — כ׳בין אין בטחונס מאַכט.

ווילנע, סעפטעמבער 1965

## דיכטערישער אמת

גרויס דאָס וואָרט איז, וואָס דערטראָגט
דײַטלעך דעם געדאַנק און שפּירונג.
גרעסער נאָך — וואָס ניט דערזאָגט
און איז גורם טיפסטע רירונג...

ווילנע, אָקטאָבער 1957

## קונסט

ס'איז פּונקט דאָס אייגענע,
די זעלבע וואָר;
ס'ווייַנט האַמערס שטאָל
ווי סמיטשיקס האָר.

ווילנע, פּעברואַר 1957

## גערדאַנקען־פֿרײַנד

פֿון האַרץ צו האַרץ איז אָפּט מאָל אַ מהלך,
אַפֿילו ווען מע גייט צוזאַמען — זײַט בײַ זײַט.
און צווישן אונדז עס ליגן הונדערטער מערידיאַנען,
און ס'איז ניט ווײַט...

ווילנע, יאַנואַר 1957

★

— זאָג מיר: ווער האָט דיך געבוירן, גלאַנצנדיקע טרער?
וועלכע ווײַע איז דײַן מאַמע, און דײַן טאַטע — ווער?

— ניט קיין ווײַע ט'מיך געבוירן, ניט קיין אויג — געהאַט.
אויף דער וועלט געבראַכט מיך האָבן בייזקייט און פֿאַרראַט!

ווילנע, יאַנואַר 1957

## התפּעלות

קעלבעלע, וואָס שפּרינגסט אין פעלד,
דײַן התפּעלות מיר געפעלט.
אָבער אונדז — דעם מענטשן־מין —
(כאָטש אונדז פרייט דער לאָנקעס־גרין)
אַסרן אונדזערע מעלות
האָבן קעלבערנע התפּעלות...

ווילנע, אויגוסט 1969

## אָפּטימיזם

אויסגעוויינט די לעצטע טרער,
מיינסטו, וועסט ניט וויינען מער?

וויל ניט מיינען,
וועסט ניט וויינען,
ס׳קען דאָך דיר נאָך זײַן באַשערט,
אויג זאָל זײַן פון פרייד באַטרערט.

תּל־אָביב, אַפּריל 1980

*

דער גרויסער פּאַרוואָס?,
וואָס באַוועגט דעם געדאַנק,
האָט פּלוצעם געפונען דעם ענטפער.
איז געוואָרן אַלץ קלאָר,
זאַט און פויל דער פאַרשטאַנד,
און דער אמת לחלוטין ניט נע׳נטער...

ווילנע, אויגוסט 1963

## ענדערונגען

בלוי דאָס וואַסער, ווען ס׳איז טיף,
שוואַרץ — ווען שטורעם טוט אַ שטיף,
ראָז — ווען ס׳ברענט דער הימלזוים,
ווײַס — ווען עס געוועלטיקט שוים;
און נאָך אַלעם, אַלעם דעם —
אָנקאָלִיריק ווי געווען...

ווילנע, דעצעמבער 1957

## פרי־פרילינג

אין שפּיל פון אַלע ליבטיקע קאָלירטע חנען
דאָס ליבסטע איז: עס ווערט דער שניי שוין שוואַרץ!
עס צוויטשערן די פייגעלעך — אָזעלבע קליינע,
און ס׳ענטפערט אַזאַ גרויסער עכאָ אָפּ אין האַרץ...

ווילנע, יאַנואַר 1957

## קלאָרקייט

ליגט אויף לאָנקעס אַ טומאַן,
דאָך דער וועטער זײַן וועט זוניק.
ס׳ליגט אויף לאָנקעס אַ טומאַן,
ווײַל דער וועטער זײַן וועט זוניק.

ווילנע, אָקטאָבער 1957

## לעבן...

כ׳קוק אויף דער פליג און כ׳טראַכט:
צו וואָס אַזאַ אָ איבעריק באַשעפעניש אויף אונדזער ערד?
און ס׳קלאָגט די שפּין וואָס אין איר פּאַנגנעץ וואַכט:
„פאַר וואָס זײַנען אַזוי אָ ווייניק פליגן מיר באַשערט?״

געוויס מעג יעדערער, ווי אים באַקוועם איז, קלערן.
אָבער די פליג? — אויך זי האָט דאָך באַגערן?!

ווילנע, אַפּריל 1963

✶

וויל ער שרײַען,
שווײַגט דער שלײַען,
דאָך אים פּונקט אַזוי טוט וויי,
ווי דעם מענטש בשעת געשריי.

ווילנע, אָקטאָבער 1966

## געוויטער

ס'האָט אַ זעץ געטאָן אַ דונער און צעשאָטן זיך —
שלאָגנדיק אַ צווייטן, אויסגעראָטן זיך.

כאָטש דער בליץ האָט עס פאָרויסגעזאָגט,
איז צו שפּעט געווען עס אויסגעזאָגט.

ניט דעם דונער מיין איך צו באַדויערן,
נאָר די חרובֿע פּאַרקווילטע מויערן.

ווילנע, אָקטאָבער 1957

★

כּל-זמן ס'פּליט דער ווינט, איז ער אַ ווינט.
האַלט ער אָפּ זיך — ער פאַרשווינדט.
פרעגסט: „וווּהין?" אָן אַ צאָל זײַנען דעם ווינטס וווּהינען.
וואַרפן פראַגעס אויפן ווינט האָט ניט קיין זינען!

ווילנע, פעברואַר 1964

## געוווינטשאַפט

עס רײַסט דאָס פערד זיך, בעת דאָס ערשטע מאָל מע שמידט עס —
די ראַשפּײַל רײַצט, אַ ווילדע שרעק באַפאַלט.
נאָר שפּעטער, ווען עס איז אַ פערד וואָס שוין געניט איז, —
דעם אַרט ניט מער... ווײ-ווײ, עס איז שוין אַלט!

ווילנע, מאַרץ 1958

## הינטישקייט

מיט די ברידער אייגענע זיך רײַסן-בײַסן,
און דערמיט נאָר ווען זיך באַווײַזן —
שפּרינגען, מאָנען צערטלעניש דערפאַר...
און פון וועמען? פון אַ פרעמדן — פון אַ האַר!...

ווילנע, יאַנואַר 1957

## ערב אָנצינד

כּאָטש די שוועבעלער נאָך שלאָפן,
איז די האַנט אָבער שוין וואַך.
ס'וואַרט דאָס שאַכטעלע אַן אָפּנס,
טרוקן ליגט די קופּע סכך...

ווילנע, פעברואַר 1967

## אײַז

ווי זאָל מען אַזוינס פאַרשטיין:
אַ געטראַנק — און איז ווי שטיין?

אויב דער דאָרשטלעשער ווערט האַרט,
קאַלטן ברי פון אים דערוואַרט.

קומען וועט די זון אַ מאָל
און צעשמעלצן וואַסערשטאָל...

ווילנע, אַפּריל 1963

## פּאַראַדאָקס

דער פעלדז איז שטאַרקער פונעם מענטש;
ער ווייסט עס אָבער ניט.
און ווײַל דער מענטש, ער ווייסט עס יאָ,
איז ער ניט שוואַכער פונעם פעלדז...

ווילנע, דעצעמבער 1957

★

זאָג ניט דעם שטיין, אַז ער איז גרוי,
ניט זאָג אים, ער איז האַרט.
אַן אַנדער אמת אים פּאַרטרוי:
דערצייל אים, ער איז שטאַרק.

ווילנע, יוני 1960

## אַ רעטעניש

אויפֿן סאַמע שפּיץ פֿון באַרג שטייט אַ שטיבעלע אַ קליינס,
און דערבײַ איז טאָל: אַ מויער — גאָרנס זיבן.
ס׳איז קיין פֿראַגע ניט, נאָר כ׳פֿרעג אַלץ איינס:
ווער האָט העכער זיך דערקליבן?

ווילנע, דעצעמבער 1957

## אָנמאַכט

עס ברויזט אַזוי דער ים...
נאָר וואָס איז פֿון זײַן ברויזן,
אויב ס׳לאָזט ניט ווײַטער גיין
אַ דרעמלענדיקער ברעג?...

ווילנע, אָקטאָבער 1957

## דאָס פֿלאַטערל

איז דער וועג פֿון בלום צו בלום דען ניט קיין גלײַכער?
ווי קאָן קורצדויער דערלויבן זיך זיגזאַגן?
נײן, דאָס שמאָלע שוואַרצע באַבעלע פֿאַרמאָגט ניט פֿליגל,
ס'טראָגט צוויי ווײַסע פֿאָנעלעך צום יום-טוב פֿון געניסן...

ווילנע, יולי 1966

## אָקסן...

ווער איז שטומפּיק?

ע ר, וואָס פּילט פֿאָרויס נאָר,
און ער לאָזט זיך פֿירן?

אָדער א י ך,
וואָס ווייס שוין,
זע עס צו און שווײַג?

ווילנע, דעצעמבער 1966

## ווײַסער פּערז

ווער דאַרף זײַ, די גראַמען
וואָס פֿירן צוזאַמען
פֿאַרשיידענע ווערטער מיט ענלעכן קלאַנג?

אויב ס'איז אויך פֿאַראַנען
אַ כּוח אַזאַ מין,
וואָס אויך אָן די גראַמען
קאָן שאַפֿן געזאַנג!

ווילנע, מאַרץ 1964

## סענטימענטאַלקייט...

די זיסע דערמאָנונג —
דאָס קריגעלע האָניק
אַלץ מער ווערט פֿאַרצוקערט,
וואָס עלטער עס ווערט.

די צונג נעמט עס קראַצן,
די שלונג נעמט עס ראַצן;
ס'ווערט שמאַרציק און פֿריקרע,
ווען זיסקייט זיך מערט.

ווילנע, נאָוועמבער 1963

## בײַ נאַכט בײַם שטורעמדיקן ים

די הויכע שווינדלענדיקע בערג, וואָס האָבן ניט קיין דויער,
זיי שוימען ווי צעווילדעוועטע תאוודיקע אָגערס.
סע הודיעט אַ געוועט-שטרײַט צווישן יאָמער און באַדויער,
כאָטש ביידע זײַנען אין דער אמתן ניטאָ גאָר.

ס׳איז יעדער אומבײַט דאָ אַ וואָר געמישט מיט ליגן —
האַלוציניאַציע אויפגעווירענע בשעת סכּנה.
באַלד נימאס ווערן וועט דעם ווינט די אָפּגרונטן צו וויגן,
און די צעווילדעוועטקייט וועט אַ גלאַטע בלײַבן ליגן:
אַ סאַמעטן געלעגער פאַרן אויעררינג — לבֿנה...

ווילנע, פעברואַר 1967

## אויפן ברעג ים

ציט די כוואַליעס צו דער שלווה פונעם ברעג,
אָדער זיי עס פונעם טיפעניש אַנטלויפן?

קרימט אַ מעווע שפּאָטיש איבער דאָס וואָס כ׳פרעג...

שעפּ איך אין פאַרלעגנהייט אָן שוים אַ הויפן,
קוק אויף דעם און כ׳זע: עס איז שוין אָן קאָליר,
און קיין סימן ניט פון אָקערשטיקן ברויזן...

ווײַ ווי צײַטווײַליק עס איז דעם וואַסערס ווײַסער שפּיצנציר!
ווער, פרעגט זיך: מיך אָדער דעם ים דאַרף עס אַנטוישן?

יפו, יאַנואַר 1979

## בײַם וואַסערפֿאַל

יאָ, דאָס פֿליסן איז אַ גײן אַראָפּ,
און דאָס וואַסער ליב האָט דעם אַראָפּגאַנג.

אָבער לױפֿן אַ גאַלאָפּ,
קױלערן זיך פֿון אַן אָפּהאַנג
איז, אַ פּנים, אױך דעם זשוואַװן טײַך דערװידער.

נעמט ער רױשן,
נעמט ער ברױזן,
הלמאַי אים שלעפּט די נידער:
— — — — — — — — —
קנאַל, געװוי, געפּלעסק, האַרמידער — — —
— — — — — — — — —
און דער מענטש שטײט, קוקט זיך צו,
און עס װאַקסט אין אים די רו.

ווילנע, יאַנואַר 1967

## ס'רעגנט...

ס'רעגנט...
דאַרף דען ניט דער הימל וויינען,
בעת ער זעט וואָס אונטער אים געשעט?

אָ, ווי שטאַרק ער האָט זיך עס צעפּליוכעט!
קענטיק, אַז די וועלט איז גאָלע גאָלע בייזס...

איז דען רעכט, וואָס מע פאַרמאַכט די לאָדנס
און גאַרדינען, וואָס פאַרשטעלן, מע פאַרציט?

טויג דען אַזאַ מײַדן און ניט צוזען,
אפשר הייבט זיך גאָר אַ צווייטער מבול אָן?...

תל־אָביב, אויגוסט 1980

## גורל

אַלע טראָפּנס פֿונעם רעגן
ווילן פֿאַלן אויף אַ בייט,
און מע פֿאַלט נעבעך אויף וועגן,
ווו דער שטויב זיך שפּרייט;

און אויך ווען ס׳געלינגט צו פֿאַלן,
ווו סע ווילט זיך זיי,
טרעפֿט, ס׳איז צוויט אַראָפּגעפֿאַלן,
זיי אַליין — שוין שניי...

ווילנע, מאַרץ 1964

# נאָך אַלע דונערן

## ווען דער אמת איז אַ שטיפקינד...

ווען דער אמת איז אַ שטיפקינד
און דער ליגן — אַ בן-יקיר,
מוז נעבעך דער יושר ברענען
אויף אַ שׂינאת-חינם-פּלאַקער.

מעגסטו טאָג און נאַכט אים לעשן,
דעם אַ ניבֿזהדיקן שײַטער.
אָט האָסטו זײַן פּלאַם דערשטיקט שוין,
קערסט זיך אָפּ — ער פּלאַקערט ווײַטער...

פרײַע פייגל אין די הימלען,
ניט געבונדענע צו וועגן,
שרײַבט מיט פּליגל אויס אַן ענטפער
אויף מײַן אומבאַהאָלפן פרעגן:

מוזן טאַקע אַלע דורות
שווערע שׂרפות איבערטראָגן,
און מיט שרעק פאַר נײַע בראַנדן
שלאָפלאָזיק די נעכט זיך פּלאָגן?

יאָ, איך לייען, כ׳לייען, כ׳לייען
דאָס געשריפטס פון פליגל פרײַע —
ווערטער טויזנט מאָל געהערטע
און צום טויזנטסטן מאָל נײַע:

כּל-זמן אמת איז אַ שטיפקינד,
און דער ליבלינג איז דער שקר,
מ ו ז דער הײַנטטאָג זײַן אַ גזלן,
און דער עתיד זײַן אַ שרעקער.

ווילנע, דעצעמבער 1968

## ערבֿ אויפשטאַנד אין געטאָ

כ'האָב פאַרלאָשן ליכט און קאַנעץ
און בײַ שוואַרץ-פאַרקוילטע קנויטן
שטיל געזעצט זיך אין דער פינצטער
וויינען אויף מיליאָנען טויטן.

אַרום זיך צונויפגעקליבן
אַלע שיבֿעות, וואָס געזעסן
זײַנען יידן נאָך פּאָגראָמען,
בלוט-בילבולים און עקסצעסן,

האָב איך אָנגעהויבן זינגען
טרויעריקן איכה-ניגון,
וואָס יאָרטויזנטער פון גלות
אויף זײַן מרה-שחורה דריקן...

קומען אויף פאַר מײַנע אויגן
גאַנצע קהילות טויטע יידן,
וואָס די „זיג-הײַל"ישע רוצחים
האָבן מאָנסטעריש פאַרשניטן.

געל ווי פאַרמעט און פאַרבלוטיקט
סטראַשען זיי מיט שטײַפע פינגער:
„אַט אָ דאָס בײַ דיר הייסט טרויער?
הערט נאָר סאַראַ פרייליכער זינגען!"...

ווען אַרײַן איך אין מײַן ניגון
יזכּור, תּהילים, קדיש-יתום;
ווערן פּנימער פון מתים
פול מיט צאָרן אָנגעגאָסן:

„אָ, פאַרשאָלטענער, וואָס זינגסטו?
ס'איז ניט טרויער... שקר, ליגן!
ס'איז אַ זמרל, אַ פריילעכס,
ס'איז אַ שׂימחת-תּורה-ניגון!"...

אין מײַן קאָפּ צינדט עפּעס אָן זיך,
אָדערן — אין פלאַם, ווי קנויטן.
כ'נעם אַ מעסער — כ'וועל ניט קלאָגן,
כ'וועל גיין טייטן פאַר די טויטן!

אַלמאַ-אַטאַ, מײַ 1943

## אַ ייִדיש ליד

אָ, דער ווייטיק פון די זיידעס
פּייניקט מיין געמיט.
בלוט פון טויזנטער עקדות
גיסט זיך אין מיין ליד.

גושן, בבל, מיינץ, קאָרדאָווע,
קישענעוו, פּאָגאַר...
פאַר די זעונגען פון נבֿיא —
חורבן, בלוט און גזר.

איז אַ פרילינג-יום-טובֿ פּסח?
פרייהייט זיין באַטייט?
ניין! נאָר פון מיין קינדהייט ווייס איך:
עס איז בילבול-צייט.

אויף די מצות בלייבע, דאַרע —
אַ צו שווערע לאַסט!
ווער זאָגט: היטלער, המן, פּרעה?
ת מ י ד עמעץ האַסט!

אין דער לאַנגער קייט פון דורות
שאַפן מיר רק נייס:
אַט מיר גרייסן משהס תּורה,
אַט — אויך בר-יוחאַיס,

אָט צעפּלאַקערט זיך השׂכּלה,
חיבּת-ציון קומט,
אויף די דלות-געסלעך שמאָלע
בּרִיהֶט זיך דער „בּונד".

שטאַרקט זיך שיבַת-ציון-גאולה,
שטאַרקט זיך שׂטנס האַס:
בּרודנע הערצער, שיטות דולע
כּאָוועץ משוגעת.

גראַגערט שׂינאהס קאַטערינקע:
בּילבּולט, „העפּ"ט, רייצט אָן.
ווילדפּליישט זיך אַרויס טרעבּלינקע,
תּלין-גאַז — ציקלאָן...

הייבּן אָן די טענער וויינען
אין מײַן יִדיש ליד,
פאַלן מעשׂה הַרגע-שטיינער
אויף מײַן שווער געמיט...

ווילנע, דעצעמבּער 1944

## תּקיעה גדולה

שאַל די תּקיעה פונעם יושר,
הילכן זאָלן שטומע גאַסן.
זעסט דאָך: אויף די ציפערבלאַטן
איז דער זייגער באַלד שוין צוועלף.

כ׳ווינטש דיר, ברודער, זײַן אַן עושר,
זאָל דײַן אוצר זײַן דאָס האַסן —
אַלע אומברענגערס און קאַטן
זאָלסטו אויסראָטן ווי וועלף!

אַז מע האָט שוין יאָ באַקומען
אויף אַ ווײַל אַ פּיצל לעבן,
וואָלט מען דאָך געוויס געקאָנט עס
דורכטראָגן אין רו און פרייד,

הוליען אָבער בייזס און טומאה,
גילט, אַנשטאָט אַ גלעטן, ס׳קעפּן,
און אַ וועלט פּעטליורעס, גאַנטעס
שטענדיק איז צו שעכטן גרייט...

זעץ אין קעסלפּויק פון אמת,
שאַל די לאַנגע יושר-תּקיעה,
זאָל ס׳פאַרשלעפּערטע געוויסן
אויפשטיין פון זײַן הינערפלעט!

מענטש דאַרף זײַן אויף גאָט אַ רמז —
קום ניט אָפּ מיט שהי-פּהי,
ביז פאַנאַטישקייט פאַרביסן,
טרײַב און טרײַב פון מענטש דעם שד!

ווילנע, דעצעמבער 1968

## רעמיניסצענץ

און ביז הײַנט סע טרעפֿט נאָך, אַז די אַלטע װוּנדן
עפֿענען זיך װידער, װערן אָנגעצונדן,

דעם געדאַנק פֿאַרקלעמען קרעמאַטאָריע־גרוילן.
װילט זיך דער נשמה האַרצרײַסנדיק הוילן...

אין אַזעלכע רגעס אַלע גלידער שפּירן,
אַז עס נעמט אַ שטורעם רײַסן די געהירן,

עפּעס עפֿנט אויף זיך, עפּעס װערט פֿאַרצויגן —
האַקט זיך אָפּ די װאָר מיר, שליסן זיך די אויגן:

כ׳זע אַ גרוי װיסט געסל אין אַ ייִדן־שטעטל.
טויט די טראָטואַרן. װ ו ע ר זאָל זײַ באַטרעטן?

פּלוצעם הער איך רעדער, ס׳קומט אָן אַ לװיה.
פֿנימער — פֿאַרקרימטע אין אַ װײ־העװיה...

איטלעכער באַגלײטער שטום פֿון צער און שרעק איז;
שטײַף־פֿאַװאָליע טרעטן פֿערד אין שװאַרצע דעקעס —

אָפּשײַ פֿאַרן טויטן: נאָר ניט טאָן קײן טרײסל!
טרעטן זײ פֿאַרגליװערט — גײענדיקע מתים...

פּלוצעם פֿליט אָן שטורעם, ס׳ברעכט אויס אַ געװיטער,
שװערע דונערקנאַלן יאָגן נאָך די מיטה.

ווערן פערד דערשראָקן — נעמען לויפן, יאָגן,
און די שוואַרצע פּלאַכטעס, וואָס אויף פערד און וואָגן,

הייבן זיך ווי פליגל, פלאַטערן און פּאָכן...
אָ, אין דער עגלה ט׳זיך אַן אַקס צעבראָכן,

און אַ ראָד געפּלאַצט האָט, איז אַראָפּגעפלויגן.
האָפּקעט זיך דער וואָגן אויף איין זײַט געבויגן,

און די פערד צעיושעט, טירופדיק זיך טראָגן,
און מלווים לויפן, קאָנען ניט דעריאָגן...

קאָנען ניט דעריאָגן — — —
— — — — — — — — —

כ׳בלײַב אַליין אין געסל, כ׳טוליע צו מײַן שטערן
צו דעם סלופּ דעם קאַלטן פון אַ גאַס־לאַמטערן,

און איך הער: די וואָלקנס און די שטיינער שרײַען
„הבֿל, ווער אַ קַין פאַר דײַן ברודער קַין!...״

אַלמאַ־אַטאַ, 1943

## „וואָר"...

האַלבע נאַכט — — —
— — — — — — — — —
האַלבע נאַכט נאָך פיר יאָר חושך
עלנט שלעפּ איך זיך דורך געסלעך
ווו געהערשט ס'האָט טרייפסטע שׂינאה
און געוועלטיקט יידנמאָרד.
האַלבע נאַכט. איך בין אַליין דאָ —
איינער שטעל איך טריט אין חושך,
גנבֿעט עמעץ שטיל זיך אונטער,
לייגט זײַן האַנט צו צו מײַן רוקן
און, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ באַקאַנטן
וואָס איז אויסן איבערראַשן,
טוט ער מיך אַ שטופּ פאַרויס.

שטעל איך אים זיך ניט אַנטקעגן,
נאָר פאַרקערט: אַ צוגעלאָזטער,
אונטערהאַלטנדיק זײַן שפּיצל,
טו איך זיך מיט אים אַ טראָג.

האָפּסל איך, און ער שטויסט אונטער.
ביידע — קונדסדיק און הײַטער,
ביידע — אויפגעלייגט-צופרידן
מיטן חבֿרישן שפּאַס.

נאָר גענוג!
ווי ס'איז דער שטייגער
בעת אַזעלכע ווילע שפּאַסן,

דאַרף מען אויסדרייען צום פרײַנד זיך,
אים אַרײַנקוקן אין פּנים
און צעלאַכן זיך מיט אים...

טו איך ראַפּטעם אַ דריי אויס זיך.
וואָס ?... —
עס איז ניטאָ גאָר קיינער ?...
ווער זשע ?
ווער זשע איז געווען עס ?

קעגן מיר סע גליווערט ווילנע —
האַרינטע פון שענסטע קהילות,
גרעסטע יחסנטע זינט דורות,
נעסט פון ליטוואַקישן חריפות.
אָ, דער וועלט באַרימטער שולהויף
ליגט אַן אָנוואַלגער פון שטיינער,
איבער וועלבונגען און זײַלן,
וואָס אַנטבלויזט עס האָט דער חורבן,
שוועבט מיט אומפאַרשעמטן גלײַכגילט
אַ פאַרצינישטע לבֿנה — — —
— — — — — — — — —

ווי איז מיר, איך ווייס, איך ווייס שוין —
כ'ווייס שוין ווער דאָס איז געווען...

ווילנע, 1944 — גלייך נאָך דער באַפרײַונג

## יום־כיפור־תשל״ד־רעמיניסצענצן

אפילו
ווען ס׳וואָלט געווען ניט אַזאַ בלוטיקע די נעילה,
וואָלט אויך געקלעקט ימים־נוראים־שרעק — — —
— — — — — — — — — — —
נעם, גאָטעניו, דיין שטראָפנדיקע האַנט פון אונדז אַוועק!

א
אויב ס׳האָט דער מלאך טויזנט־אויגיקער באַקומען אַזאַ שליטה,
איז היינט די העלקייט פונעם טאָג געמיינסטע בגידה!

ווער קאָן געפינען טרייסט אין די פיוטים וואָס אין מחזור,
ווען שטאָט צו טראַכטן וועגן אַב־הרחמים, סע טראַכט זיך וועגן שונא־אַכזר?...

אָ, גאָטעניו,
ניט ברענג דערצו,
זאָלסט ווערן נאָך אַ מאָל אַ טאַטע וואָס באַקלאָגט די זין,
מאַך בטל דעם גזר־דין פון אַזאַ אומגערעכטן יום־הדין!

ב
סע לאָזט מיך ניט צו רו
די תפילה־זכה פונעם „חיי אָדם״ ז״ל
(וואָס זיין געביין האָט אין דער טייערער —
דאָך איצט פאַר אונדז ווילד פרעמדער — ווילנע
געמוזט אַריבערוואַנדערן
פון איין בית־עלמין אין אַ צווייטן.
אויך נאָכן טויט, און אויך אַ צדיק
קען ניט האָבן רו,
דער ייִדן־גורל ווייסט ניט קיין רחמנות).

אָ, האַרבער יום-הדין,
נאָך קיין מאָל ביסטו ניט געווען אַזאַ אָ בלוטיקער ווי הײַיאָר.
נאָך אוישוויץ, נאָך פּאָנאַר, נאָך „אַקציעס",
וואָס אַזאַ סך פון זיי סע זײַנען אויסגעפאַלן
דווקא אום יום-כּיפּור,
געקומען ביסטו, הײַיאָריקער יום-הדין,
מיט „שבֿרים" פון די טאַנקען-קייטן
און „תּקיעה-גדולה"ס פון ראַקעטעס...

אָ, מגן-אָבֿות,
ניט אָפּגעווענדט פון אונדז פאַרגראַמען אין די גלות-לענדער,
האָסטו געוואָלט דערלאָזן אַ פּאָגראָם אויף אונדז
אויף אינעם צוגעזאָגטן לאַנד?
איך האַלט ניט, גאָט, אַז ס'קומט אונדז אַזאַ שטראָף.
אין וועלט פון חטא זײַנען פאַראַן
וואָס זײַנען אָן אָן ערך זינדיקער פון אונדז.
צי אפשר האַלטסטו, אַז מיר דאַרפן זײַן די ווײַסע הענער פאַר דער וועלט,
מיט וועלכע נידעריקסטע יושבֿי-חושך-וצלמות זאָלן כּפּרות שלאָגן?
זאָג, עורך-דין, ווי האָסטו עס פאַרגעסן „כּי לכל העם בשגגה"?

על חטא שחטאנו לפניך
מיט ניט באַגיין קיין זינד!

יפו, תשרי תשל"ד (אין די טעג פון דער יום-כּיפּור-מלחמה)

# אינהאַלט

7 ווענן מחבר
9 אונדזער צײַט

## אַנטפּלעק מיר, גאָט!

11 איך האָב קיין ברודער ניט...
12 ✶ זעלטן עפֿענען מיר אונדזערע נשמות
13 ✶ נעם ניט מיט צער אויף דײַן טעות
14 ✶ די קופּקעלעך אַש פֿון די טעג
15 אַנטפּלעק מיר, גאָט!
16 ✶ שטראַליקע חלומות נאָשט מען
17 ✶ אין אונדזער אומדערמידלעכן גײיִק נאָך פֿרייד
18 ✶ פֿאַרלאָשענע צײַט כאַפּט זיך אָן אַ מאָל ווידער
19 ✶ ס׳פֿאַלן בלעטער, ס׳פֿאַלן שטערן
20 מיר זײַנען מענטשן נאַרישע
21 שולדגעפֿיל (איך ספֿק רק צי איך בין ווערט)
22 זינדיקייט
23 צו וואָס האָסטו באַדאַרפֿט אַליין זיך נאַרן?
24 סע טרעפֿט... (סע טרעפֿט דו שרײַבסט אַ ליד)
25 ✶ כ׳האָב אַזוי פֿיל לידער שוין געשריבן
26 ✶ ווען איך האָב דעם מינדסטן טעות
27 ✶ ווײַל פֿאַר יעדן גרײַז פֿאַראַן עס איז אַ ווײַל
28 אויספֿאַרריכט כ׳האָב מײַנע גרײַזן
30 סך־הכּל (ווען וואָלסט קענען זײַן אויף זיך אַ באַלעבאָס)
31 סוף־כּל־סוף... (איז דאָך קיין סוף גאָר ניט פֿאַראַנען)

## אין טיפֿער פֿוטערפֿאַס פֿונעם זכּרון

32 ✶ יעדערער פֿון אונדז קען זיך דערמאָנען
33 נאָך ביז צום טאָג דעם הײַנטיקן
34 פּלוצעם קומט צו מיר מײַן יוגנט...
35 האָב איך ניט פֿאַרגונען זיך מײַן גוטע שטימונג...
36 ניט ווי אַבֿרהם אָבֿינו...
37 ✶ איך קום צו זיך צו גאַסט
38 איך — קעגן זיך
39 אַנהייב (ווי די פֿרייד וואָס פֿליט אָן פֿליגל)
40 ✶ אין מײַן קינדהייט פֿלעג איך היטן
41 האָוועניש
42 איך און דו
44 גורל (כ׳האָב געזוכט דיך אין דער גאַנצער שטאָט)
45 עלעגיע (כ׳האָב געהאָפֿט דיך זען מיט גרויע האָר)
46 ערגעץ שפּילט אַ פֿידל בײַ דער נאַכט
48 דער קלאַוויר
49 טרייסט (ווײַל עס איז אַ טרייסט בנימצא)
50 אָסור (אָסור אויב איך ווייס פֿאַר וואָס)
51 ✶ אויב אין טיפֿער פֿוטערפֿאַס פֿון מײַן זכּרון
52 ✶ דער מינדסטער געדאַנק האַלט, אַז ער איז דער עיקר
53 ✶ ס׳איז רעכט, ווען מע זאָל אויף דער זון קוקן קאָנען
54 די זון, נעבעך...
55 מענטש קעגן דער זון
56 צווישנצײַט

57 אַ זומער־אָוונט (שאָקלען די נאָס־טורציעס מיט די קעפּלעך)
58 לבֿנה (פֿאַרגיב דער לבֿנה)
59 אַ לבֿנה־נאַכט (ביַי דעם צעפּאַ־לענעם אויף שטיקער וויַסל)
60 לויב (פֿיצלעך שטערן און לבֿנה)
61 שלאָפֿלאָזיק... (אַ האַלבע לבֿנה, אַ פֿולע לבֿנה)
62 ✶ ריַיב איך אַ היַיפּעלע שיַין אין די דלאָניעס
63 אַ נאַריש מעשׂהלע (אין פֿרעמדן ערגעץ־ווּ)

## הי-געוואָרענער ניט-הי

64 דיכטונג (ווי שיפּעלעך לאָז דיַינע ווערטער)
65 ✶ ס'האָט פּלוצעם ווידער אַ מאָל מיך אַ טראָג געטאָן
66 יענער וואָלקן... (וואָס איך האָב זיך איצט אין אים דערמאָנט)
67 ✶ סע טרעפֿט, אין עפּעלע כאָפּט זיך אַריַין אַ וואָרעם נאָגן
68 ✶ האָב איך זיך פֿאַרטשעפּעט אין מיַין ליַיטישקייט
69 בין־השמשות־ליד
70 אַש... (ווען ס'ברענט אויס אין האַרץ דער ווייטיק)
71 ✶ אויסגעבלייכטע זריחות און פֿאַרגרויטע שקיעות
72 ✶ רעכטס: אַ בוים אַ הוילער
73 ✶ איז געקומען אַ שאָטן אין אַ וועלט וואָס איז פֿרעמד
74 באַלוינונג (כ'ווייס אַז מענטשן האָבן פֿיַינט דעם ווינט)
75 ✶ נאָך צען מאָל יאָ קומט איין מאָל ניין
76 „מאָמענט מוזיקאַל"
77 זונאויפֿגאַנג (אויף די רויזן פֿינקלט טוי)
78 קנאָספּן (און ווידער הייבט זיך אָן אַלץ פֿון דאָס ניַי)
79 פֿאַל...
80 אויף יענער זיַיט צוים
81 וואַנדערליד (אויפֿן ראַנד פֿון יאָ און ניין)
82 היים
83 ✶ פֿאַרשוואַרצט — די דאָכלקעס, צעקרימט — די ווענט
84 אין אַ שמאָל געסל...
85 ✶ ציִען קוימענס זיך צום הימל
86 קונסטבילד (ס'איז דער מאָלער לאַנג ניטאָ שוין)
87 ביַי אַ פּאָרטרעט
88 אַ געמעל פֿון אַ פּאַרייִאַושטן
89 פּעגאַסאָס
91 קענטאַוראָס

## ביַים עץ-הדעת

93 ✶ זינג צו מיר דאָס לויבגעזאַנג
94 ✶ וויי, ווי קורץ עס איז דער טאָג פֿון פֿרייד
95 שוועסטער כוואַליע
96 לאָמיר זיך שפּילן
98 פֿאַנטאַזיע (שפּריַיז איך איבער שטיינער פֿונעם ברוק)
99 פּיאַניסימאָ
100 ...און...
101 די שפּיל אין ניס
102 נאַטור (איך צי אַריַין אין זיך דעם ריח פֿון אַ בלום)
103 קאַרנשניט
104 צו אַ ווינט אין קוימען
105 געשיכטע
106 ✶ אויב דו ווערסט אַרויסלאָזן דאָס פֿייגעלע פֿון שטיַיגל
107 פֿרייד און אומעט
108 ✶ זאָגסט. פֿאַרטריַיבן כ'זאָל מיַין אומעט?
109 ✶ די אָן־אַ־סיבהדיקע פֿרייד
110 ✶ וואָס טוט מען מיט די פֿרייד־שעהען, אַז זיי אַנטלויפֿן?
111 „אַנטפּלעקונג" (אַוודאי, אַוודאי, אַוודאי)
112 ✶ און ווען ס'וואָלטן זיַין טאָקע גאָלדענע בערג

113 דער פֿאַרצווייפֿלטער (גלויבן מיינער — גלויבן)
114 צום גלײַכגילטיקן
115 ווילן (מיט ווילן פֿון שטאָל)
116 געוויסן (צעטראָטן כ'האָב אַ טרער אין גאַס)
117 ✶ הער שוין אויף זיך יתומען
118 איך בעט דיך (וויין ניט, וויין ניט)
119 דער אומגליקלעכער (האָט דער אומגליקלעכער פּלוצעם אַ שמייכל געטאָן)
120 איז עס אמת?...
121 פּוסטקייט
122 בראַנד
123 ענלעכקייט... (טיגער און זעברע געשטרײַפטע)
124 קיבערנעטיק
125 לאָמיר... (לאָמיר דורכלייגן אַ וועג)
126 חד־גדיא
128 דער שיכּורער
129 די טרעפּערקע
130 דער בלינדער
131 דער דענקמאָל
132 געלט (שלאָפֿט דער מידער קאַטערינשטשיק)
134 בײַם עץ־הדעת

## דאָס פּישעלע, דאָס גאָלדענע — די צײַט

138 ✶ גרויסער אומעט אין דער דינער הילע פֿרייד
139 ✶ פֿון מײַן שווײַגן לייען וואָס איך טראַכט
140 לעבן (איין מאָל געפֿונען און צוויי מאָל פֿאַרלאָרן)
141 אויב ס'וועט אַ מאָל...
142 דאָס פּישעלע, דאָס גאָלדענע — די צײַט
144 ✶ יעדער שטראַל פּילט, אַז אים ווערגט דאָס פֿינצטערניש
145 נאַקעטע צײַט
146 צום אמת (זאָג מיר, ווי זאָל איך דיך זוכן?)
147 אמת... (מיינסטו, אַז ס'איז אַלץ אַזוי?)
148 יצר־טוב
149 באַרימערײַ (ווען די זון זאָל דאַרפֿן זיך באַרימען)
150 אַ באַנק אין גאָרטן
151 אויס... (דו מיסט זיך זי פֿאַרגעסן)
152 אײַנדרוק (הערסט אַ מאָל בײַ נאַכט)
153 בײַם פֿאַלשן וועג
154 גייט אַ מענטש און רעדט צו זיך אַליין
155 אָפּשייד (זאָג ניט, אַז דו וועסט ניט קומען)
156 חשבון־הנפש (שטראָף מיך ניט, געדאַנק דערהויבענער)
157 די עלטער (מײַן ערשטע חבֿרטע — דאָס רויטע היטעלע)
158 דער זיידע (צו ביסעלעך, צו ביסעלעך)
159 דער זקן (אָפּגעגלוסט די פּאָר זײַן לעבן אים געשאָנקענע באַגערן)
160 עבֿר (אַ בלויע שויב)
161 אַ נאָמען... (ס'איז אויפגעשוווּמען הײַנט אין מײַן געדעכעניש אַ נאָמען)
162 פֿרײַנדשאַפֿט (אַלטע פֿעדעם טאָר מען ניט צערײַסן)
163 קוקנדיק אויפֿן זייגער
164 דער זייגער (טראָטעלע נאָך טראָטעלע)

## ניט שוואַכער פֿונעם פֿעלדז

165 ווונטש (דער קנאַל פֿון דונער)
165 ✶ און אַזוי געשעט מיר שטענדיק
166 דיכטערישער אמת (גרויס דאָס וואָרט איז, וואָס דערטראָגט)
166 קונסט (ס'איז פּונקט דאָס אייגענע)
167 געדאַנקען־פֿרײַנד
167 ✶ זאָג מיר, ווער האָט דיך געבוירן, גלאַנצנדיקע טרער?
168 התפּעלות (קעלבעלע, וואָס שפּרינגסט אין פֿעלד)
168 אָפּטימיזם (אויסגעוויינט די לעצטע טרער)

169 ✶ דער גרויסער פאַרוואָס?
169 ענדערונגען (בלוי דאָס וואַסער, ווען ס׳איז טיף)
170 פרי־פרילינג
170 קלאָרקייט (ליגט אויף לאָנקעס אַ טומאַן)
171 לעבן... (כ׳קוק אויף דער פליג און כ׳טראַכט)
171 ✶ וויל ער שרייַען, שווייַגט דער שלייַען
172 געוויטער (ס׳האָט אַ זעץ געטאָן אַ דונער)
172 ✶ כל־זמן ס׳פליט דער ווינט, איז ער אַ ווינט
173 געוויינטשאַפט (עס רייַסט דאָס פערד זיך)
173 הינטישקייט
174 ערבֿ אָנצינד
174 אייַז
175 פאַראַדאָקס (דער פעלדז איז שטאַרקער פונעם מענטש)
175 ✶ זאָג ניט דעם שטיין, אַז ער איז גרוי
176 אַ רעטעניש
176 אָנמאַכט (עס ברויזט אַזוי דער ים)
177 דאָס פלאַטערל
177 אָקסן...
178 ווייַסער פערז
178 סענטימענטאַלקייט
179 בייַ נאַכט בייַם שטורעמדיקן ים
180 אויפן ברעג ים (ציט די כוואַליעס צו דער שלווה פונעם ברעג?)
181 בייַם וואַסערפאַל
182 ס׳רעגנט... (דאַרף דען ניט דער הימל וויינען?)
183 גורל (אַלע טראָפנס פונעם רעגןווילן פאַלן אויף אַ בייט)


## נאָך אַלע דונערן


184 ווען דער אמת איז אַ שטיפקינד
185 ערבֿ אויפשטאַנד אין געטאָ
187 אַ יִדיש ליד (אָ, דער ווייטיק פון די זיידעס)
189 תקיעה גדולה
190 רעמיניסצענץ (און ביז הייַנט סע טרעפט נאָך)
192 „וואָר״...
194 יום־כיפור־תשל״ד־רעמיניסצענצן

## ביכער פון הירש אָשעראָוויטש

### אַרויסגעגעבענע אין ישׂראל

**צווישן בליץ און דונער**

לידער און פּאָעמעס, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אָביב, 1973

פּרעמירט מיט דער יעקב גלאַטשטיין־פּרעמיע פון אַלוו. ייִד. קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק

**מייַן פּאָנעוועזש**

פּאָעמע, אָריגינאַל צוזאַמען מיט דער איבערזעצונג אין עברית פון אַברהם שלאָנסקי („פוניבז' שלי"), „איגוד יוצאי פוניבז' בישׂראל", תּל־אָביב, 1974

**אין דער וועלט פון עקדות**

לידער און פּאָעמעס, פאַרלאַג „המנורה", תּל־אָביב, 1975

פּרעמירט מיט דער זכריה גאָנאָפּאָלסקי־פּרעמיע, פּאַריז

**אוחז הליל ספין כחולה**

שירים, הוצאת הקיבוץ המאוחד, אגודת הסופרים העברים, תּל־אָביב, תשל"ו

**געזאַנג אין לאַבירינט**

לידער און פּאָעמעס, פאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תּל־אָביב, 1977

פּרעמירט מיט דער פערנאַנדאָ כענאָ־פּרעמיע פון ייִד. צענטראַל־קאָמיטעט אין מעקסיקע

**תּנך־פּאָעמעס**

פאַרלאַג „רשפים", תּל־אָביב, 1979

**בלויע בומעראַנגען**

לידער און פּאָעמעס, פאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תּל־אָביב, 1979

**בייַם עץ־הדעת**

לידער, פאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תּל־אָביב, 1981